STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06815

UNDZERE KLASIKER

M. Grazul

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַזול

אונדזערע קלאַסיקער

מענדעלע מוכר ספרים
יצחק לייבוש פרץ
שלום עליכם

•

דריי עסעיען

•

אַרויסגעגעבן פון
א. ראַבאַי איקוף קלוב, ברייטאָן ביטש
ניו יאָרק, 1961

M. GRAZUL

THREE YIDDISH CLASSICS

MENDELE MOYCHER SFORIM
I. L. PERETZ
SHOLEM ALEICHEM

●

THREE ESSAYS

●

Published by
THE I. RABOY IKUF CLUB, BRIGHTON BEACH
New York, 1961.

Printed in the U. S. A.

107

אַ דאַנק:

מיר דריקן אויס אונדזער האַרציקע אָנערקענונג צו דעם ליבן **חבר ש. ווינער**, פאַר צוגרייטן די עסעיען צום דרוק • אַ באַזונדערן דאַנק צו די חברים זעצער: **וו. זאַפּאָלסקי, ג. איידלסבורג** און **ל. ענגעלס**, פאַר זייער איבערגעגעבענער אַרבעטביים אויפֿזעצן דאָס ביכל • אַ יישר כוח צו אַלעמען, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט ביים אַרויסגעבן די עסעיען פֿון משה גראַזול.

א. ראַבאַי איקוף קלוב

א. לייב, טייבעל גראַזול,

י. לייזעראָוויטש, ש. ווינער.

בוך־קאָמיטעט.

משה גראַזול (1960—1891)

משה גראַזול
דער קולטור־טוער

פון

א. לייב

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס ערשט נאָכן טויט פון אַ מענטשן, שאַצט מען אים ערשט געהעריק אָפּ. ערשט דעמאָלט כאַפּט מען זיך, אַז מען האָט געהאַט אַן אוצר צווישן אונדז און מען האָט אים פאַרלאָרן.

יאָ, מיר האָבן געהאַט צווישן אונדז אַן אוצר, דעם קולטורעלן, אינטעליגענטן מענטשן, משה גראַזול און מיר האָבן אים אַזוי גיך, אַזוי אומדערוואַרט פאַרלאָרן אין סאַמע אויפבלי פון זיינע ווערטפולע, קולטורעלע שאַפונגען און טעטיקייטן.

ווען אונדזער ליבער משה גראַזול האָט ביי אַ פּורים, אָדער חנוכה־שמחה געלייענט פאַר די מיטגלידער פון דעם א. ראַבאַי „איקוף" קלוב זיינס אַ רעפעראַט וועגן דער באַדייטונג פון דעם יום טוב, האָבן אַלעמענס אויגן געשיינט פון פרייד און הנאה,

אַלע זיינען געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן עפּעס געלערנט פון דעם רעפעראַט, יעדער איינער איז געווען שטאָלץ, וואָס משה גראַזול האָט אַליין צוגעגרייט דעם געלונגענעם רעפעראַט.

אָבער נישט בלויז פאַר די יידישע יום־טובים האָט משה גראַזול אָנגעשריבן רעפעראַטן. ער האָט אַרבעטן וועגן זישע וויינפּער, וואַרשעווער געטאָ און וועגן די דריי קלאַסיקער, מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ, שלום עליכם. די אַלע אַר־בעטן זיינען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די מיטגלי־דער פון דעם א. ראַבאַי „איקוף" קלוב, וועלכע האָבן אים נאָך ביים לעבן האַרציק באַדאַנקט פאַר זיינע רעפעראַטן און דערמיט אים דערמוטיקט צו ווייטערדיקע קולטורעלע טעטיקייטן.

ליבע לייענער: מיר ווילן פאַר אייך פאָרשטעלן אַביסל אונדזער ליבן חבר משה גראַזול, דעם מחבר פון די דריי רעפעּ־ראַטן, וואָס מיר גיבן דאָ איצט אַרויס. באַקענט זיך אַ טראָפּעלע מיט אים און זעט, וואָס פאַראַ שיינע פּערזענלעכקייט, מיר האָבן פאַרלאָרן.

מיר זאָגן פאַרלאָרן? יאָ, פיזיש! פיזיש איז ער נישטאָ מער מיט אונדז זינט דעם 22טן מערץ, 1960. אָבער גייסטיק? גייסטיק וועלן מיר אים אַלעמאָל האָבן מיט זיך, ווייל משה גראַזול האָט אונדז איבערגעלאָזן אַ שיינע גייסטרייכע ירושה.

משה גראַזול איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם ברייטאָנער א. ראַבאַי „איקוף" קלוב. יאָרנלאַנג איז ער געשטאַ־נען אין דער פירערשאַפט און געהאָלפן, אַז וואָס מער יידיש־פּראָגרעסיווע קולטור זאָל פאַרשפּרייט ווערן צווישן עולם. ער איז אַלעמאָל געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז דער קלוב זאָל נאָר־מאָל אָנגיין מיט זיין קולטור־טעטיקייט און זי זאָל שטיין אויף אַ העכערער מדרגה.

משה גראַזול איז געקומען קיין אַמעריקע פון זיין גע־בורטסשטאָט ווילנע, מיט אַ שיינעם סטאַזש אַלס אַ פּראָגרעסי־

ווער דרוקער. אין ווילנע האָט ער געאַרבעט אין דעם באַרימטען קלעצקין פאַרלאַג, און אין ניו יאָרק אין דער טעגלעכער צייטונג „דער טאָג". ער איז געווען זייער טעטיק אין דער יידישער שריפטזעצער יוניאָן ווו ער איז געווען גאַנץ אָנגעזען ביי זיינע מיטאַרבעטער.

משה גראַזול איז ניט נאָר געווען אַ קולטור־טוער און געזעלשאַפטלעכער מענטש, נאָר אויך אַ שטאַרקער קעמפער פאַר יושר און שלום אויף דער וועלט.

משה גראַזול פעלט אונדז איצט אויף שריט און טריט. כדי אים צו האָבן תמיד מיט זיך, כדי אים אַלעמאָל צו געדענקען, גיבן מיר אַרויס אָט דאָס ביכעלע: „די דריי קלאַסיקער".

זאָל דאָס ביכעלע דינען ווי אַ מאָנומענט נאָך דער שיינער, זויבערער פערזענלעכקייט: משה גראַזול!

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

משה גראַזול
מיין יוגנט־חבר
פון
טוביה גלאַז

משה גראַזול, דער מחבר פון בוך, איז געווען מיינער אַ בן־עיר פון דער שיינער יידישער ווילנע. אונזער באַקאַנטשאַפט האָט זיך געצויגן זינט מיר זיינען יונגע קינדער געווען, אין ערך פון 10 יאָר אַלט. שוין אין דער פריער יוגנט האָט ער געאַרבעט אין אַ יידישן בוך־געשעפט. אויפן הויף ווו דאָס געשעפט איז געווען פלעגן מיר זיך טרעפן כמעט יעדעס מאָל ווען איך פלעג אַרויסקומען פון חדר, ווו איך האָב געלערנט.

ווי יונגע חדר־ייִנגלעך פלעגן מיר אָפט שטיפן אויפן הויף. אָבער ניט משהלע, כאָטש ער האָט שטאַרק געגאַרט אויך אַ שטיף טאָן מיט אַלעמען צוגלייך. אָבער דער עול פון זיין צוגעבונדנ־קייט צו דער אַרבעט האָט פאַרבלאָקאַדירט זיין צוגאַנג צו אונז.

יע, איין גאָט ווייסט וואָס דאָס יונג משהלע האָט דאַן געפילט. צו יונג און צו פרי אין זיין לעבן איז דער עול פון פרנסה געפאַלן אויף זיינע צאַרטע ביינער.

אַן ערך אַ האַלב צענדליק יאָר שפּעטער אַרבעטן מיר ביידע אין דער דרוקעריי פון ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער, ווו מיר לערנען דאָס שריפטזעצער פאַך.

גאָר אינגיכן שליסן מיר זיך אָן אין די קעמפנדע רייען פון „בונד" און משה ווערט זייער טעטיק און שטאַרק אָנגעזען צווישן די חברים. מיר ווערן צוזאַמען אָפט אַרעסטירט פאַר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן.

ווען דער „בונד" האָט אַרויסגעגעבן די „פאָלקסצייטונג", אַרבייטן מיר ביידע דאָרט ביז עס זיינען אין 1907 אַריינגעבראַכט געוואָרן צוויי זעץ־מאַשינען פון בערלין.

עטלעכע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען משה, זיין פרוי טייבל און זייער יונג טעכטערל געקומען קיין ניו יאָרק. דאָ איז אים מיט זיין פאַמיליע אויסגעקומען צו ליידן די חבלי־לידה, וואָס כמעט יעדער יידישער אימיגראַנט האָט אויסצושטיין.

ניט לאַנג נעמט און משה ווערט אויפגענומען אַלס מיטגליד אין דער יידישער שריפטזעצער יוניאָן, ווו ער געפינט פרנסה בכבוד ווי אויך דעם פּאַסנדען אָרט צו דערפילן זיין שטרעבונג פאַר יוניאָן־טעטיקייטן. ער ווערט דערוויילט אין פאַרשיידענע קאָמיטעס און טוט זייער גוטע אַרבעט. די באַאַמטע פון דער יוניאָן און די מיטגלידערשאַפט אָנערקענען זיין ערנסטקייט, זיין אינטעליגענץ און ווילקייט צו העלפן דער יוניאָן אין אירע פילפאַכע טעטיקייטן.

פון די ערשטע טעג פון זיין באַלאַנגען צו דער יוניאָן ביז דעם טאָג וואָס ער האָט פאַרלאָזט אונדזער ערדישע וועלט, האָט

ער אָנגעהאַלטן פאַרשיידענע אַמטן. צולעצט—אַלס עקזעקוטיוו־מיטגליד און פאָרזיצער פון דער פענסיאָן־גרופּע פון דער יוניאָן.

משה גראַזול האָט באַזעסן די אינטעליגענץ און די פעיקייט פון קריטישער אַנאַליז און דעם טאַלאַנט צו שאַפן פּירוש — דאָס דאָזיקע ווערק זיינע זאָגט עדות דערויף.

מעגלעך, אַז זיין עניוות׳דיקייט האָט געשטערט, אַז זיין חיבור זאָל נישט דערשיינען ביי זיין לעבן. קומט טאַקע גרויס אָנערקענונג די פריינט זיינע, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די הייליקע פליכט, אַז זיין שאַפונג זאָל דערזען די ליכטיקע שיין און פאַראייביקן זיין נאָמען לזכרון עולם.

משה איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די צוויי גרויסע קלאַסיקער, י. ל. פּרץ און שלום־עליכם, אַ דאַנק דער סאָציאַלער טעמאַטיק, און פּראָלעטאַרישער גאַמע, וואָס קלינגט העל־פייערדיק דורך און אין זייערע קלאַסישע ווערק.

מענדעלע מוכר־ספרים (1917—1836)

מענדעלע
מוכר ספרים

מענדעלע מוכר ספרים, אָדער פאָלקסטימליכער: מענדעלע, דער זיידע מענדעלע, ווי ש״ע פלעגט אים רופן, און דאָס אייניקל, ש״ע — צווישן אָט־די צוויי גרויסע ריזן אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָ אַן ענ־ליכקייט אין זייער קומען צו דער יידישער ליטעראַטור און אָנ־הייבן שרייבן אויף יידיש, אין דער שפּראַך, אויף וועלכער דאָס פאָלק האָט גערעדט.

אָנגעהויבן שרייבן האָט מענדעלע אין העברעיש אונטערן נאָמען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און איז שוין געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ טאַלאַנטפולן שרייבער.

אָבער אינצווישן קומט פאָר ביי דעם יונגן אַבראַמאָוויטש אַ טיפער איבערברוך אין זיין באַציונג צו העברעיש און יידיש. מענדעלע אַליין דערציילט גאַנץ אָפנהאַרציק:

„דער גרויסער טייל פונעם פאָלק פאַרשטייט דאָך גאָרניט

די דאָזיקע שפּראַך און רעדט יידיש. היינט וואָס נוצט דעם שרייבערס זיין גאַנצע מי און זיין באַגער, וויבאַלד אַז ער ברענגט ניט קיין נוצן דעם פאָלק.

„איך האָב זיך געגומען פאַרטראַכטן איבער דער העברעיִ־ישער ליטעראַטור ביי אונז. אַ פוסטער גאָרטן איז געווען די ליטעראַטור אין יענער צייט. אַ פאַרלאָזטער גאָרטן, ניט קיין פּרוכט, ניט קיין שטענדיקע בלומען און שיינע פלאַנצונגען, די בלעטער פאַרוויאַנעט און די ביימער שטייען נאַקעטע".

אָבער צו שרייבן יידיש אין יענער צייט, רעדן צום פאָלק אויף זיין לשון איז געווען אַ שאַנדע, בפרט נאָך פאַר אַזאַ יונגנמאַן אַ משכיל, ווי ער. האָט ער זיך מיט זיין ערשטן ווערק „דאָס קליינע מענשעלע", וואָס ער האָט דאַן אָנגעשריבן, באַהאַלטן בחדרי חדרים, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, און האָט אַוועקגעשטעלט דערויף אַ נאָמען פון אַ לעבעדיקן פאַרשוין, איינעם אַ סענדרל אַ מוכר־ספרימניק, וואָס האָט זיך אַרומגע־שלעפּט אין יענער צייט מיט זיין פערד און וועגעלע אין דער סביבה פון באַרדיטשעוו, דאָס באַרימטע גלופּסק. אָנגעשריבן „דאָס קליינע מענשלעלע" אין פאַרלויף פון דריי טעג און אַוועקגעשיקט עס אין „קול מבשר" צו אַלעקסאַנדער צעדערבוים. דערזעענדיג אויפ'ן שער־בלאַט דעם נאָמען סענדערל מוכר ספרים, האָט זיך אַלעקסאַנדער צעדערבוים דערשראָקען, צי מיינט דאָס ניט אַמאָל אים אַליין טאַקע (אַלעקסאַנדער, סענדער, סענדערל), האָט ער זיך מיישב געווען און האָט דעם נאָמען סענדערל איבערגעמאַכט אויף מענדעלע. און אָט אַזוי איז זיך אַרויס אויף דער וועלט „מענדעלע מוכר ספרים", וואָס האָט ניט אויפגעהערט אַרומצופאָרן אין זיין בויד מיט זיין ביסל געדרוקטער סחורה איבער דער מדינה פון גלופּסק, פאַר־בלאָנדזשעט פון דאָרטן קיין קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע.

אַראָפּלאָזן זיך פונעם הויכן באַרג אין טיפן טאָל, נעמען

שרייבן אין יענער צייט פשוט זשאַרגאָנישע מעשיות פאַר דעם פּראָסטן עולם, בפרט נאָך פאַר אַ שרייבער מיט אַזאַ נאָמען ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָט שוין געהאַט אין דער ליטעראַרישער וועלט, צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ באַזונדערע גבורה און דרייסטקייט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגרענעצט כמעט מיט ליטעראַרישן זעלבסטמאָרד.

אָבער, זאָגט מענדעלע, „די ליבשאַפט צו ברענגען נוצן דעם פאָלק האָט אין מיר מנצח געווען דעם פוסטן כבוד און איך האָב ביי זיך באַשלאָסן: זאָל זיין וואָס עס וויל, איך וועל זיך דערבאַרעמ'ען אויף יידיש, די פאַרשטויסענע טאָכטער, און וועל שרייבן פאַרן פאָלק".

די דאָזיגע דערציילונג „דאָס קליינע מענטשעלע", האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם צווישן יידן. דאָס דאָזיקע העפט איז געוואָרן דער ווינקל־שטיין אין דער נייער יידישער ליטעראַטור. „פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך פאַרליבט אין יידיש און האָב די שפּראַך צו מיר פאַרקנסט אויף אייביק, און האָב איר געגעבן די קרייטעכצער, די בשמים, וואָס איר קומט, און זי איז געוואָרן אַ שיינע, באַחנטע פּריצטע, און האָט מיר געבוירן אַ סך זין: „דאָס ווינשפינגערל", „די טאַקסע", „פישקע דער קרומער", „די קליאַטשע", „דער פּריזיוו" און אַנדערע".

און אַזוי איז באַשערט געווען, אַז אָט דער נאָמען, וואָס איז לכתחילה געגעבן געוואָרן פון אַבראַמאָוויטשן, כדי צו פאַרבאַהאַלטן זיך פאַר לייטן, כדי ניט צו שאַטן זיין אייגענעם פאַרדינטן נאָמען שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן, אַז אָט דעם נאָמען — „מענדעלע מוכר ספרים" זאָל פאַרקערפּערן מיט זיך דעם ערשטן קלאַסיקער פון דער נייער, מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און זאָל ווערן דער שטאָלצער און ווירדיקער אַריינפאַר אין אַ נייער און פּרעכטיקער תקופה פון דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן.

אַ שיין ביסל יאָרן איז מענדעלע געשטאַנען כמעט איינער אַליין אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז נאָך דאַן קיין יידישע פּרעסע ניט געווען און אויך ניט קיין לייטישע ביכער. עס איז געווען אַ מין תוהו־ובוהו, אַ ווילדער וואַלד, אָן וועגן און אָן שטעגן. איז געקומען מענדעלע און אַדורכגעהאַקט אַ וועג אין דעם וואַלד, אַריינגעבראַכט לופט און ליכט און אויסגע־פלאַסטערט אַ שליאַך פאַר די וויטערדיקע, פאַר די קומענדיקע.

זיין ערשטער אַרויספאַר מיטן בוך „דאָס קליינע מענשעלע" איז געווען דער בראשית, דער אָנפאַנג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען דער אָנהייבער, איז ער גלייך פון זיינע ערשטע ווערק געוואָרן דער נוסח, דער סטיל, דער מייסטער, ביי וועמען די שפּעטער־דיקע יידישע שרייבער האָבן זיך געלערנט.

ווען מיר ווילן וואַרפן אַ בליק אויף דעם רעכטלאָזן, פאַר־אומערטן, דערשלאָגענעם יידישן לעבן אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד, ווען מיר ווילן אויפשטעלן פאַר אונז אַ בילד פון דער אַמאָליקער יידישער טרויעריקער ווירקליכקייט, דאַרפן מיר אָנקומען צו מענדעלעס ווערק.

און ווי האָט אויסגעזען די אַמאָליקע טרויעריגע ווירקלעכ־קייט פונעם יידישן לעבן? וואָס האָט מענדעלע געהאַט צו דערציילן פון יענע צייטן?

„איבעראַשן די וועלט", זאָגט מענדעלע, „מיט גרויסע וואונדערלעכע זאַכן האָבן מיר ניט. קיין גראַפן, פּריצים און גענעראַלן און גרויסע שיסערס זיינען מיר ניט געווען; קיין ראָמאַנען מיט יפה־פיהס האָבן מיר ניט געשפּילט; שלאָגן זיך אויף דועלן, אָדער זיין עדות ווי צוויי פאַרגיסן זיך דאָס בלוט, האָבן מיר ניט געפּראַוועט; און טאַנצן קאַדרילן מיט נקבות אויף בעלער האָבן מיר ניט געקענט; און אויף געיעג אין וועלדער צו כאַפּן בערן זענען מיר ניט געגאַנגען; געררייזט אויף אייגענע

שיפן איבער ימען צו אַנטדעקן נייע אינדזלען, האָבן מיר ניט; מיט טענצערינס און אַקטריסעס האָבן מיר קיין געשעפטן ניט געהאַט. אָט דאָס אַלצדינג איז נישטאָ ביי אונז. און אָנשטאָט די אַלע זאַכען האָבן מיר: אַ מלמד מיט אַ חדר, מיט באַהעלפער, שדכנים, חתנים, כלות מיט ווייבער, קליינוואַרג, חליצות און עגונות, אלמנות און יתומים; נשרפים און געפּאַלענע, אַלע סאָרטן אָרעמעלייט, אַרומגייענדיק איבער די הייזער ערב שבת, ערב יום־טוב, ראש חודש און גלאַט אַזוי זיך מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. בטלנים, גבאים, און צדקה־פּושקעס. דלות, קבצנות און אַלערליי משונהדיגע פּרנסות — אָט דאָס איז אונדזער לעבן. — איז דען דאָ נאָך אַן אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער־לעבן פון איטליכן באַזונדער זאָל זיך ציען פון געבוירן ווערן ביז דעם שטאַרבן אויף איין נוסח, ווי ביי אונז יידישע קינדער? אַפילו דאָס עסן און טרינקען האָבן אויך אַ נוסח. איז עס דען ווו געהערט געוואָרן, אַז אין אַ געוויסער שעה, פרייטאָג־צו־נאַכטס, אַשטייגער, זאָל אַ פאָלק יידן עסן פיש, צימעס, לאָקשן? אין דעם און דעם טאָג זאָל מען עסן קרעפּלעך, אין יענעם טאָג — האָמענטאַשן, און אין דעם און דעם טאָג — אַ געלן קוילעטש מיט זאַפרען?״

און שילדערנדיק אָט דעם גרויען לעבן איז ער אַליין געווען פאַרליבט אין לעבן; האָט ליב געהאַט די נאַטור מיט אַלע אירע שיינקייטן.

„אַך, ווי שיין איז גאָטס וועלט״, זאָגט מענדעלע, ליגענדיק אין בויד אין וואַלד מיט איינעם פון זיינע העלדן פון „פישקע דעם קרומער״: „עס ציט עפּעס אין דער נשמה, עס רעדט עפּעס צום האַרצן, גאָטס וועלטל לעבט! עס ציט און גלוסט זיך אַריינוואַרפן זיך אַהין, מיט הענט און פיס״.

און וואָס פאַר אַ פּייזאַזשן־מאַלער, ווי שיין מענדעלע האָט געקאָנט מאָלן די נאַטור:

„אַ געשמאַק ווינטעלע הייבט אָן בלאָזן, און אויפ׳ן הימל ווייזן זיך שטיקלעך וואָלקן, אויף וועלכע מען האָט, ווי אויף טייערע געסט שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. די ביימער הייבן פּאַמעלעך זיך אָן צו שאָקלען, איינער צום אַנדערן, איינגעבויגן דעם קאָפּ און פירן צווישן זיך אַ שמועס אויף זייער לשון, נאָכדעם, אַז זיי האָבן אַזוי לאַנג געשוויגן שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפגעדעקט די שלאָפנדיקע תבואה, אַלע זאַנגען כאַפּן זיך, ווי יונגע קינדער, אויף מיט אַ קול און צעקושן זיך גאָר פריינטלעך. גאָטס באַשעפעניש רירט זיך אומעטום: אויפן פעלד, אין וואַלד און אין דער לופט. איינס נאָך דאָס אַנדערע טרעטן שפּיל־פייגעלעך אַרויס: אויף צווייגעלעך, ביימעלעך, נידעריק און גאַנץ הויך. פּוצן זיך די פּעדערלעך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקל — און הייבן אָן די זיסע זמירות צו זינגען און צו שווישצען״.

עס איז באַקאַנט דאָס וואָרט, וואָס מענדעלע האָט אַמאָל געזאָגט צום באַוואוסטן יידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו:

„איך בין אויך אַ היסטאָריקער — ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פון די יידן אין דעם 19טן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן אָנקומען צו מיינע ווערק, כדי צו שילדערן דעם לעבנס־שטייגער פון די אַמאָליגע יידן״.

אין אַ בריוו צו איינעם אַ ליבעראַלן מיטגליד פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר דער יידן־פראַגע, באַצייכנט מענדעלע זיין אַרט שרייבן אויף אַזאַ אופן:

„וואָס איז נוגע מיר פּערזענלעך, איז, אָפּן גערעדט, האָלט איך אויפריכטיקייט פאַר אַן עטישן חוב. און אַזוי ווי איך האָב ליב יידן מיטן גאַנצן האַרצן, האָב איך דעריבער אויסגעקליבן אין דער ליטעראַטור דעם וועג פון סאַטירע, גאַרנישט מורא־האָבנדיק פונאַנדערצונעמען און אויפדעקן אונדזערע אינעווייניקסטע פעלערן״.

זון אין אַ בריוו צום שלום עליכמען זאָגט מענדעלע וועגן זיך:

„איך האָב געטאָן מיינס, געשריבן וואָס מען באַדאַרף, וואָס דער אמת איז, ווי דער שטייגער מיינער, אַרויסצושטעלן פאַרבאָרגענע מכות, אַ פּיק טאָן, טרעפן אין קאַרב, עס זאָל אויסרינען דער אייטער. אַ פּיק טוט וויי, נאָר נישקשה, דערפאַר אָבער היילט זיך די מכה גיכער און בעסער, ווי מ׳וואָלט זיך מיט איר געשטיקט, זיך ניט וויסנדיק געמאַכט".

מיר זעען אַזוי־אַרום, ווי מענדעלע האָט גלייך פון אָנהייב זיך געשטעלט קלאָרע צילן פאַר זיין שאַפן — אַרויסצברענגען מיט גאָר דער שאַרפקייט דאָס סאָציאַלע אומרעכט, די אַלע שאָטנדיקע, פאַרקריפּלטע דערשיינונגען, זיטן און פירערכצן אין יידישן לעבן. דאָס איז געווען און פאַרבליבן זיין שרייבערישער אני מאמין.

מענדעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר ניט שרייבן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין; אַז מען טאָר ניט שרייבן צוליבן שרייבן. נאָך אין זיין אָנהייב האָט ער פאַרשטאַנען און עס געפּרעדיקט אין זיין אייגענעם שאַפן, אַז וואָרט איז טאַט.

אָט איז מענדעלע גוט, מילד און ווייכהאַרציק, און באַלד גייט אָן אויף אים אַ ברוגזע כמאַרע און ער ווערט דער שטראָפער. און אַ בייזער, אַ שטראָפער ווערט ער, ווען ער קומט צו די שיינע יידן, צו די אַלערליי תקיפים, גבירים, בעלי־טובות, קאָכלעפל, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דעם בידנעם פאָלק ישראל און ציען אַרויס פון אים די עצמות.

מענדעלע זאָגט עס אַרויס קלאָר אין דער הקדמה צו זיין בייסדיקער סאַטירע „די טאַקסע".

„עס שרייט צו אייך אַ קול פון צעבראָכענע הערצער, פון אַ סך אומגליקלעכע יידן — דאָס איז אַ קול פון אָרעמעלייט, פון נויטבאַדערפטיקע, פון באַלמעלאָכעס און דערשלאָגענע

מענשן, וואָס מען דישעט ווי די קעץ, און מען לאָזט ניט קיין קאָפּ אויפהייבן״.

דאָס לעבן, וואָס מענדעלע האָט געמאָלן, איז געווען מיאוס, פאַרקריפּלט און צעקאַליעטשעט, אָבער אין זיינע בילדער איז פאַראַן זייער אַ סך שיינקייט. דעם דיכטערס טרויער, זיין אָנקלאָג, זיין ליבע צום פאָלק שפּרייטן אויס איבער די בילדער דעם אָטעם פון הויכער פּאָעזיע.

דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, מ. ווינער, פאַררופט זיך אויף אַן אַרטיקל פון וויקטאָר הוגאָ, דער גרויסער פראַנצויזישער שרייבער, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט דאָס דאָזיגע וועגן דער שיינער קונסט : „אַריינצודרינגען און אַרויס־ציען דעם אינעווייניקסטן מהות פון אַלץ, און באַווייזן די שיינע עטישקייט אונטער דער געשטאַלט פון פיזישער העסלעכקייט. אַרויסרופן ביי דעם העכערע אַכטונג צו דעם נידעריקערן — אָט דאָס איז דער אמתדיקער אָנטייל, דער אמתדיקער איינפלוס פון דער קונסט אין דער געזעלשאַפט״.

די דאָזיגע אויפגאַבן האָט זיך וויקטאָר הוגאָ באַמיט צו פאַרווירקלעכן אין דעם „הויקער פון נאָטער־דאַם״, „דער מענש וואָס לאַכט״ און אין אַנדערע ווערק.

דער העלד אין מענדעלעס בוך „פישקע דער קרומער״ איז טאַקע פישקע אַליין. פישקע איז אַ געוויינלעכער בעטלער, מיט אַלע גאָר ניט ליבלעכע און רויע שטריכן, מיט וועלכע דאָס האַרבע לעבן זייערס שטעמפּלט אָפּ אַזעלכע אומקליקלעכע נפשות. פישקע רעדט און טוט געוויינלעך דאָס, וואָס אַלע בעטלערס טוען. אין זיין פירונג איז ניטאָ גאָרניט אויסער־געוויינלעכעס. אָבער דאָס אויג, וואָס האָט זיך צו אים צוגעקוקט, איז ניט קיין געוויינלעכעס. מענדעלע האָט זיך מענשלעך צוגעקוקט. ער האָט אָנגעווענדט די גרעסטע מאָס, די מענשלעכע

נאַכט — און אין דעם צעקוועטשטן, באַליידיקטן קריפּל האָט זיך אַנטפּלעקט שיינקייט און איידעלע מענטשלעכקייט.

דער צווייטער העלד אין „פּישקע" איז דאָס האַרבאַטע מיידל ביילע. אין דעם האַרבאַטן מיידל ביילע איז געשילדערט דער גורל פון אַן אָרעם אידיש קינד, וואָס האָט זינט איר יינגסטער יוגנט אויסצושטיין די ביטערסטע צרות פונעם לעבן. אַזעלכע בילדער, ווי דעם קינדס אַרומוואָגלען פון קיך צו קיך אינאיינעם מיט דער מוטער דער קעכין, צעברעכט דאָס האַרץ.

פאַראַן אין איר לעבנס-געשיכטע אַן עפּיזאָד, ווען איר מוטער וואַרפט זי אַלס קינד אַוועק אויף גאָטס באַראָט, ניט קאָנענדיק ווייטער טראָגן די שווערע לאַסט. דאָס סאיז אַ קליין בילדל, פּראָסט דערציילט, כמעט טרוקן, אָבער עס צעברעכט דאָס האַרץ.

איינמאָל אַקעגן אָוונט, איז געקומען עפּעס אַ מענטש און פאַרנומען פון דער קיך דער מאַמעס זאַכן. די מאַמע האָט געדאַנקט דער באַלעבאָסטע פאַר זיעם זאַלץ און ברויט, אַראָפּ־גענומען איר נאַקעט טעכטערל פונעם אויוון און איז מיט איר אַרויסגעגאַנגען. זי פירט דאָס טעכטערל און פירט, ביז זי פאַרפירט עס ערגעץ אין אַ געסל.

„זעץ זיך דאָ אַנידער און וואַרט. יידן וועלן רחמנות האָבן".

— אַזוי האָט די מאַמע געזאָגט און איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

„דאָס פאַרוואָרפענע קינד זיצט, נעבעך, אויף דער גאַס שטיל און האָט מורא אַ ריר צו טאָן זיך אַפילו אַזוי ווי פריער אויפן אויוון. אַ קאַלט אָסיענדיק רעגנדל שפּרענקלט און נעצט איר דורך די ביינער. זי איז געזעסן איינגענורעט כמעט אין איין העמד, געציטערט פאַר קעלט, און אַ צאָן אין אַ צאָן האָט איר געקלאַפּט. אַז איינער פון די פאַרבייגייענדיקע האָט זי אַ פרעג געטאָן: ווער ביסטו, מיידעלע? איז דער ענטפער אירער געווען: איך בין דער מאַמעס..."

און אָט דאָס מיידעלע, וועלכע האָדעוועט זיך אויפן דעק פון אָרעמקייט צווישן בעטלערס באַגעגנט זיך אויף איר אומגליקלעכן וואַנדער־וועג מיט אַ צווייטן קריפּל, מיט פישקען דעם קרומען, און צווישן זייביידן אַנטוויקלט זיך אַ ליבע.

דאָס געשטאַלט פון דעם האָרבאַטן מיידל ווערט כאַראַק־טעריזירט ניט אַזוי ווייט דורך איר׳ע האַנדלונגען, ווי דורך איר לעבנס־געשיכטע, דורך איר שוידערליכן גורל.

בלויז איין כאַראַקטער ־ שטריך איז פאַראַן אין דעם געשטאַלט — איר גרויסע ליבע, איר מוט, איר געטריישאַפט אין דער ליבע. מענדעלע וויל זאָגן: זעט, אַ מענש מיט אַזאַ לעבן, אין אַזאַ סביבה — און האָט אַזאַ גרויס האַרץ.

דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס מענדעלע האָט די צוויי געשטאַלטן געגעבן, איז זייער פעיקייט צו אַ גרויס געפיל, צו מענשלעכער איידעלער ליבע, צו אַזוינס, וואָס די מיוחסים, נגידים, באַלעבאַטים זיינען דערצו נישט פעיק. דאָס איז דער וויכטיקסטער שטריך, דורך וועלכן מענדעלע הייבט אַרויס די צוויי טרויעריקע געשטאַלטן פונעם גראַבן, פינצטערן טאָל פון געיאָמער.

מיט אַזאַ געפיל און צערטלעכקייט, מיט אַזוי פיל עכטער פּאָעזיע שילדערן די ליבע צווישן אַ קרומען פשקען און אַ האָרבאַטערביילע האָט נאָר געקאָנט אַ מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אַ שיעור ליבע צו די אָרעמע און פאַרשטויסענע אינעם פאָלק.

מענדעלע וויל באַווייזן דווקא דאָס גוטע—אינעם שלעכטן; דאָס דערהויבענע און שיינע — אינעם נידעריקן און מיאוסן. ער וויל פשוט באַווייזן, אַז שלעכט, נידעריק און מיאוס איז די אונטערדריקונג פונעם מענטשן, די נויט, די אָרעמקייט גופא אָבער ניט די מענטשן, וואָס לעבן אינעם דאָזיקן אומגליק.

מעדעלע שילדערט דאָס בעטלערישע לעבן אין נאַטור־

עכטע בילדער, אָן אויסטראַכטעניש. דאָ האָבן אים געדינט באַשטימטע איבערלעבונגען פון זיין יוגנט, ווען ער האָט זיך אַליין אַ שטיקל צייט אַרומגעשלעפּט אין אַ געזעלשאַפט פון בעטלער. מענדעלע האָט געהאַט אין זיינע יונגע יאָרן אַ זייער שווער לעבן. געבליבן אַ יתום, ווען ער איז נאָך קיין 13 יאָר ניט אַלט געווען, האָט ער דערנאָך אין נויט און אין דחקות זיך אַרומגעשלעפּט אין דער פרעמד, געמוזט אָנקומען צו פרעמדע טישן, דערנאָך געלעבט ביי זיין שטיף־פאָטער, געוואָגלט פון ישיבה צו ישיבה, געגעסן טעג און אויסגעשטאַנען געווען פּיין און שפיכת־דמים. און ווען זיין מוטער האָט אים אַמאָל געשטראָפט, פאַרוואָס ער וויל מער ניט פאָרען אין אַ ישיבה, וואו עס איז אים געווען איבעדריסיק צו פירן אַ לעבן פון אַן אָרעמען ישיבה־בחור, האָט ער צו איר געזאָגט:

„לאָז מיך צורו מיט דיינע ישיבות, מיט דיינע תכליתים. גענוג געשוואַרצט דאָס פּנים, געגעסן טעג, גענוג געקוועטשט די באַנק, געריבן זיך. רייבן זיך ווייטער דאַרט ביז איך וועל זיך אויסרייבן און ווערן אַ שמאַטע — פע! גענוג אויסגעריבענע שמאַטעס ביי אונז אַן מיר אויך!"

„ווירקן אויף אַ פאָלק, מענשן קאָן נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש, וואָס האָט געליטן די זעלבע צרות, געפילט די זעלבע ווייטאָקן מיט זיי" — זאָגט מענדעלע אין דער הקדמה צום „ווינטשפינגערל".

„אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין שייכות צום פאָלק און צו זיין נויט, און וואָס ווערט פון זיעם ניט באַווירקט — קאָן אויף קיינעם ניט ווירקן. זי האָט ניט קיין אינטערעס פאַרן פאָלק און איז איבעריק אין לעבן" — זאָגט מענדעלע. (עיין משפט).

און ווייל מענדעלע אַליין האָט זיך גאָר פרי באַקענט מיט דער נויט, ווייל ער איז פון באַלעבאַטישן שטאַנד אַריינגעפאַלן

אין דער ביטערסטער נויט, האָט ער פאַרלאָזן די העברעישע שפּראַך און אַריבער אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדט די יידישע נויט, די אָרמקייט, און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דעם דעק פון יידישן לעבן אונטן אין די קעלערס און פאַר זיינע אויגן האָט שטענדיק געשוועבט אַ טאָרבע, די אַלטע, גרויסע יידישע טאָרבע. ווייל ווער עס האָט איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון טאָרבע־ברויט, ביי דעם בלייבט דער טעם אויף אייביק איינגעקריצט אין גומען.

און מענדעלע זאָגט וועגן זיך:

„עס טרעפן זיך ביי מיר צייטן, וואָס דעמאָלט בין איך דערצאָרנט מיט אַ גרויסן גרימצאָרן קעגן די גבירים, וואָס באַהאַלטן זיך אונטערן שאָטן פון געלט, און דעמאָלט טאָר מען פאַר מיר ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון אַן עושר — מיין זעל ווערט צעפלאַמט ווי אַ ווולקאַן, און איך שפּיי מיט זידלערייען מיט פלאַם־פייער פון גרימצאָרן און איך שריי: גוואַלד, מען ראַבעוועט״.

און דער דאָזיקער גרימצאָרן האָט זיך אין אים קיינמאָל ניט אינגאַנצן אויסגעלאָשן.

און דערפאַר לאָזט מענדעלע איינעם פון זיינע פאַרשוינען אין „פישקע״ זאָגן אַזעלכע ווערטער:

„ס׳איז סדום, נאַר סדום! פאַרוואָס קומט עס די נגידים זאָלן זיצן ווי די פּריצים, רויק, און אַנדערע זאָלן אויף זיי האָרעווען? זייער גוטס איז דען ניט יענעמס מי, יענעמס פּראַצע? יענעמס שווייס? אַ נגיד, וואָס מער דיק, געזונט ער איז, אַלץ אַ פיינער־ער בריה איז ער. אונזער איינער אַקעגן, מוז מיט זיין געזונט זיך, נעבעך, באַהאַלטן, זיך שעמען ווי אַ גנב, איטלעכער שרייט אויף די ציין: פאַרוואָס גייט אַזאַ געזונטער נישט אַרבעטן? ס׳וואָלט שוין רעכט געווען, כ׳לעבן, איבערצובייטן

די יוצרות: לאָזן נגידים פּרוּוון אַביסל אַרבעטן, וואָס איז, קראַנק זיינען זיי?"

מענדעלע ז'ער פאַקנטרעגער איז די פאַרקערפּערונג פון דער פאָלקסטימלעכער האַרציקייט און קלוגשאַפט. ער איז דער פאָלקסטימלעכער מאַנער, דאָס געוויסן פון די פאָלקס־מאַסן. אַ פאָלקס־מענטש דורך־און־דורך.

ער איז אינטעלעקטועלער, מער געלערנט, שאַרפער, שטרענגער, ערנסטער, פון שלום עליכמס טביה דער מילכיקער, ווייניקער גוטמוטיק, מער אָנגעלאָדן מיט יענער זאָרג, וואָס קומט ביים באַוו סטזיניקן באַטרכאַטן דאָס לעבן. ער פאַרמאָגט אָבער די זעלבע פאָלקסטימליכע האַרציקייט און וואַרעמקייט, די זעלבע פאָלקסטימליכע קלוגשאַפט דיזעלבע באַריידעוודיקייט.

לויט זיין טיפסטן מהות שטאַמט דער דאָזיגער וואַנדערנ־דיקער ביכער־הענדלער פון דער זעלבער משפחה, ווי דער אַרומפאָרנדיקער טביה דער מילכיקער. מענדעלע איז טביהס אַן עלטערער ברודער. טביה איז אַ גענעאַלע וואַריאַציע פון דער מענדעלע־געשטאַלט.

אויך ביי טביהן הערט איר אַזעלכע רייד, ווי ביים פאַרשווין אין פּישקע דעם קרומען:

„ווי שטייט עס געשריבן, פרעגט טביה דעם רבונו של עולם, אַז טביה באַדאַרף האָרעווען פאַר זייערטוועגן, אויפשטיין גאַנץ פרי, ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, וואָס איז? בכדי זיי זאָלן האָבן פונקט צו דער קאַווע אַ פריש שטיקל קעז און פוטער?

„ווי שטייט עס געשריבן, אַז איך זאָל אויסגעריסן ווערן צוליב אַ שיטערן קרופניק, און זיי, די יעהופּעצער נגידים, באַדאַרפן אויסרוען די ביינער אויף די דאַטשעס?"

איז טאַקע דאָס אייניקל געגאַנגען אין די זעלבע דרכים פונעם זיידן, און דער זיידע, ווי דאָס אייניקל, איז אונז געוואָרן אייגנס און איינגעבאַקן אין אונזערע הערצער.

מענדעלע מוכר ספרים, דער גרויסער יידישער שרייבער, איז געצוווּנגען געווען אַלע זיינע יאָרן מאַטעריעל זיך צו מאַטערן. ער האָט געמוזט זיין אַן אויפזעער אין אַ תלמוד־תורה אין אָדעס, ווו ער האָט געהאַט איבער זיך נאַטשאַלסטווע, סיי די יידישע און סיי די צאַרישע. און דאָס האָט אים אָפטמאָל די־ערדריקט, נישט געלאָזט פראַנק און פריי אַרויסזאָגן זיינע מיינונגען. ער האָט אויך ניט געהאַט די פולע מעגלעכקייט צו שרייבן, ווייל די אַרבעט אין דער ת״ת האָט ביי אים אַוועק־גערויבט זיין צייט און ענערגיע. ער האָט זיך שטאַרק דערויף געקלאָגט.

אין איינעם אַ בריוו צו ש״ע שרייבט ער: „אויב איך שרייב היינט ווייניק, איז די שולד ניט אין מיר, נאָר אין די אומשטענדן. איך זאָל שרייבן היינט וואָס איך וויל און דאָס וואָס מ׳באַדאַרף, האָב איך אינגאַנצען באַדאַרפט איבערשטעלן אויף דאָס־ניי מיין אַרט לעבן, אָפזאָגן זיך פון אַ סך זאַכן, זיין אַ מענש פאַר מיר. איר הייסט מיר לערנען זיך פון טאָלסטאָיען—אַ געלעכטער, כ׳לעבן! אַנו, לאָז נאָר טאָלסטאָי פּרוּוון כאָטש אויף עטלעכע טעג זיין אַ איד, דערצו נאָך אַ מלמד אין אַ ת״ת און דערצו נאָך שרייבן לשון קודש, יידיש (זשאַרגאָן, ווי מ׳רופט עס), פאַר אַ יידישן פובליקום און דערצו גאָך... נאָר גענוג שוין. אַי, ווו נעמט מען אַ יאַסנאַיאַ פּאַליאַנאַ און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן, אַז מען זאָל קענען אַ שפּיי טאָן אויף איטלעכן און שרייבן, שרייבן, שרייבן!״

אָבער קיין אייגענע אימעניע, ווי טאָלסטאָי, האָט מענדעלע ניט געהאַט. אין 1881, ווען מענדעלע באַזעצט זיך אין אָדעס, נעמט ער אָן אַ שטעלע אַלס פאַרוואַלטער אין אַ ת״ת, ווו ער איז געצוווּנגען אָפּצוגעבן אינגאַנצן זיין צייט און זיינע כוחות פאַרוואַלטנדיק מיט דער ת״ת, אַכטונג געבן אויף די לערער און

אַליין אויך לערנען מיט די קינדער. און אויף דער שטעלע פאַר־בלייבט ער שוין ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

ער פלעגט זיך באַקלאָגן אין זיינע בריוו, אויף זיין פאַרשאָלטענער שטעלע, וואָס פאַרוואַנדלט אים אין אַ קליאַטשע און לאָזט אים ניט איבער קיין פרייע מינוט זיך צו פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש.

אין 1911, נאָך די גראַנדיעזע פאָלקס־פייערונגען, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט פאַר מענדעלען אין גאָר דער וועלט, צו זיין 75טן געבוירנטאָג, שרייבט ער אַ בריוו צו זיין פריינט שמעון דובנאָוו:

„אומזיסט האָבן געשריבן וועגן מיר די שרייבער און מיך פאַרשאָטן מיט באַגריסונגען און אָנגערעדט ניין מאָס רייד, איך בין נאָך אַלץ אַן אייביקער קנעכט ביי דער תלמוד תורה".

קריטיקער און פאָרשער, טייטשער און אויסטייטשער האָבן אין זייערע אָפּהאַנדלונגען פאַרשיידן און אַנדערשדיק אַרויסגע־בראַכט און פאָרמולירט די כאַראַקטער־שטריכן, די עלעמענטן, די פונקציעס פון מענדעלע מו"ס:

י. ל. פּרץ האָט געשריבן: „דאָס פאָלק רופט אים מענדעלע. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז באַקאַנט נאָר יחידים; זיין פּריוואַטער נאָמען וועט זיין אויסגעקריצט אין די געשיכטע־ביכער פון דער יידישער ליטעראַטור; אין פאָלקס־מויל אָבער וועט ער הייסן „מענדעלע" — און דאָס איז זיין נאָמען אויף אַלע צייטן, און דאָס איז זיין לויב".

מ. ווינער, ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, זאָגט:

„מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט לעבעדיגע פייזאַזשען אין דער אידישער ליטעראַטור. מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַמיט עפענען דאָס אויג פונעם פאָלק אויף די שיינקייטן פון דער נאַטור".

דער קריטיקער בעל מחשבות באַצייכנט מענדעלען ווי דעם

ערשטן און גרעסטן שרייבער ביי יידן אין 19טן יאָרהונדערט, ווייל „ער איז געווען דער האַרכנדיקער אויער פון זיין פאָלק".

קיינער פאַר אים און ווייניקער נאָך אים האָבן געהאַט אַזאַ פיין אויער צו דער שפּראַך פון זיין פאָלק.

און דער גרויסער פּאָעט ח. נ. ביאַליק זאָגט:

„ווייל מען אָפּשאַצן מענדעלען אין זיין גאַנצער גרייס אַלס ערשטער — איז גענוג צו זאָגן איין קורצן זאַץ:

„מענדעלע האָט אין דער ליטעראַטור געשאַפן נוסח. ער איז דאָך אומעטום כמעט געווען דער ערשטער: סטיל, שפּראַך, ריטם, טיפּן, פאָלס־פּסיכאָלאָגיע, נאַטור־שילדערונג, לאַנדשאַפט, און דאָס וויכטיקסטע פון זיי אַלעם, דאָס איז נוסח, פּשוטער, ליטעראַרישער נוסח. שאַפן פאַר ליטעראַטור אַ נוסח — דאָס הייסט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געבן פעסטע און דויערהאַפטע פאָרמען פאַר די געפילן און געדאַנקען פון פאָלק".

און דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער קריטיקער ש. ניגער, האָט געשריבן: „ער איז געווען דער ערשטער וואָגיקער און תלמוד־חכמדיקער שרייבער אין דער נייער פאָלקס־ליטעראַטור. ער האָט אין איר איינגעוואָרצלט די בימה, דעם עמוד, שיער נישט דעם אָרון קודש. און זי האָט אויפגעהערט צו זיין בלויז אַ ווייבערשע שול מיט זאָגערקעס. ער האָט אויפגעעפנט פאַר איר אַלע זאַלטע קוואַלען און געלאָזט זיי וואַקסן און אָטעמען מיט אַ נייער קראַפט".

אָלגין אין זיין קריטישער אָפּהאַנדלונג וועגן מענדעלען פרעגט: „וואָס איז מענדעלע מו"ס פאַר די יידישע אַרבעטער און דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ?"

און ער ענטפערט: „מענדעלע מו"ס איז, קודם כל, געווען אַ שרייבער אַ בונטאַר. אין די בעסטע ווערק, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט צווישן יידישע מאַסן איבער דער גאַרער וועלט, ווי:—דאָס קליינע מענטשעלע, די טאַקסע, די קליאַטשע,

מסעות בנימין השלישי, פישקע דער קרומער, דאָס וויטשפּינגערל — טרעט פאַר אונדז אַרויס אַ שרייבער אַ גיגאַנט, וועלכער שניידט מיט דער שווערד פון סאַטירע און אַטאַקירט מיט די פיילן פון סאַרקאַזם דעם פאַרשימלטן פּעאַדאַלן לעבנס־שטייגער פון די יידישע מאַסן אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אין רוסלאַנד. מענדעלע איז פון דעם ערשטן טאָג אָן — אַ געזעלשאַפטלעכער שרייבער. ער איז דער ערשטער גרויסער יידישער שריפטשטעלער, וואָס האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו שטרעבן רעפאָרמירן דאָס לעבן דורך זיין שרייבן.

„קיינער, ווי ער, האָט נישט געקעמפט מיט אַזאַ שוואונג און איבערצייגונגס־קראַפט קעגן די אַלטע מנהגים, דער מאַכט פון די כלי־קודש דער פינצטערניש פון חדר, דער אומוויסנקייט פונעם פאָלק, דער צוריקגעשטאַנענקייט פונעם גאַנצן לעבן, ווי דאָס האָט געטאָן מענדעלע מוכר ספרים.

„זיין פּראָטעסט קעגן דער גרויסער יידישער טאָרבע איז געווען שאַרף און בייסיק. אַ הייסער צאָרן צוליב דער אָרעמקייט פון דער יידישער מאַסע האָט דורכגעדרונגען אַלע זיינע ווערק.

„מענדעלע האָט געקעמפט נישט נאָר קעגן דער אָרעמקייט, נאָר אויך קעגן די, וואָס זיינען שולדיג אין דער אָרעמקייט; וואָס זויגן דאָס בלוט פונעם פאָלק. זיין טאַקסע איז אַ האַס־אָנגעזעטיקטער געשריי קעגן די קהלשע קליאַמקעס, וואָס האָבן עקספּלואַטירט די מאַסע. דאָס קליינע מענטשעלע שילדערט אַ גביר — אַ פּיאַווקע. די קליאַטשע איז פול מיט שפּאָט און פאַרכאַטונג פאַר די שמוציגע, פוילע און פּוסטע מענטשעלעך.

„מענדעלע מו״ס, אין זיינע בעסטע ווערק, געהערט צו דעם קולטור־אוצר פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער היינטיקער פּראָלע־טאַריער און פּראָלעטאַרישע אינטעליגענטן קענען זיך פון אים לערנען, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די אַמאָליקע יידישע וועלט.

„דער היינטיקער דור שריפטשטעלער קען זיך פון אים לערנען ווי אַזוי מ'דאַרף קענען פאַרבינדן גרויסע קינסטלערישע רייפקייט מיט אַ געזעלשאַפטלעכן פּראָטעסט דורך ליטעראַרישער שאַפונג".

„איך האָב געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן", זאָגט מענדעלע, „אַז די שרייבער און דיכטער זאָלן ניט קלעטערן אין די הימלען מיט פוסטע פאַנטאַזיעס, נאָר זיי זאָלן זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, זיך צוקוקן צום לעבן פון פאָלק און זען וואָס עס טוט זיך ביי אים אין שטוב און אין דער געזעלשאַפט, און דאָס אַלץ אים באַווייזן. זיי זאָלן זיך באַמיען צו פאַרפיינערן זיין געשמאַק, צו ריידן מיט אַ פיינער, ריינער שפּראַך, לויט די פּרינציפּן פון שיינקייט און לאָגיק".

אָט דאָס איז געווען און פאַרבליבן מענדעלע פאַר אונז, פאָלקס־מענטשן, פאַר אונז פּראָגרעסיווע לייענער. דאָס זיינען געווען און פאַרבליבן אַלע אונדזערע יידישע קלאַסיקער, פון וועלכע מיר רעדן און וועלכע מיר דערמאָנען מיט יראת הכבוד, ווייל זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזן אַ גייסטיגע ירושה אויף וועלכער מיר דערנערן זיך; אַ ירושה, וואָס גיט אונז אַ מעגליכ־קייט צו לערנען פון אָט די גרויסע לערער צו לעבן ווי קולטור־מענטשן, זיין אמתדיק אַליין און קעמפן פאַרן אמת פונקט אַזוי, ווי זיי, די לערער, האָבן עס געטאָן.

מענדעלע איז געבענטשט געוואָרן מיט אריכת־ימים. ער האָט דערלעבט אַ טיפע עלטער. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מענדעלע האָט אַרויסבאַוויזן אַ גרויסן כוח איבערצו־געוועלטיקן זיין עלטער, האָט די עלטער זיך גענומען רוקן אויף אים אַלץ שנעלער און האַסטיקער.

אָנהייב 1917 איז מענדעלע, דער אַלטער דעמב, צוזאַמענ־געבראָכן. ער איז געוואָרן קראַנק, און האָט שוין צו זיך נישט געקענט קומען. ביאַליק, דער גרויסער העברעישער דיכטער,

וואָס איז געווען פיל יאָרן נאָענט צו מענדעלען, דערציילט וועגן די לעצטע וואָכן פון מענדעלעס לעבן:

„מענדעלע איז אויפגעשטאַנען פון קראַנקן־בעט, אָבער זיין פריערדיקע שטאַרקייט האָט זיך צו אים נישט צוריקגעקערט. די עלטער האָט געזיגט. דער אַלטער איז מיד געוואָרן צו ראַנגלען זיך מיט דער אַלטקייט און אָנגעהויבן צו וויאַנען.

„דער אַלטער איז איינגעשרומפּן און קלענער געוואָרן".

און אַ צווייטער שריפטשטעלער, ב. עפּעלבוים, וואָס איז געווען ביי זיין קראַנקן־בעט די לעצטע שעהן, דערציילט:

„דאָס פּנים איז נאָך ליכטיק, די אויגן נאָך אָדלעריש פאַרשפּיצט, דער קאָפּ בלישטשעט נאָך מיט דער זעלביקער בלוי־ווייסקייט, דער הויכער שטערן זאָגט עדות, אַז דער געדאַנק רוט נישט. די ליפּן זיינען אָבער פאַרשנורעוועט און ער שווייגט. אייניקע פון זיינע נאָענטע שטייען לעבן אים, זיינע אויגן באַוועגן זיך, מען זעט, אַז ער דערקענט זיי, נאָר קיין וואָרט נישט".

שבת, דעם 8טן דעצעמבער, 1917, האָט דער זיידע אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

יצחק לייבוש פרץ (1915—1852)

יצחק לייבוש פרץ

אונדזער גרויסער זשיטלאָווסקי האָט שרייבנדיק וועגן פרצן, אַמאָל געזאָגט:

„ס'איז אַ שווער שטיקל אַרבעט, צו שרייבן אַן אָפּשאַצונג וועגן פּרצן. די שווערקייט ליגט ניט נאָר אין דעם, וואָס מיינע אייגענע כוחות זיינען צו־שוואַך פאַר דעם. פּרץ האָט געוויס פאַרדינט, אַז פאַר אַזאַ אַרבעט זאָל זיך נעמען אַ קריטיקער מיט דעם טאַלאַנט פון אַ געאָרג בראַנדעס, אָדער אַ ביעלינסקי. איך בין, נעבעך, גאַנץ ווייט פון זיי".

זשיטלאָווסקי האָט זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן ווי אַזוי פּרץ כישופט אויס אַ מעשהלע.

„די לעבעדיקייט פון פּרצעס פאַנטאַזיע איז אַזוי שטאַרק, אַז ווען ער פירט אַרויס מענשן סיי לעבעדיגע, סיי אויסגעקלערטע, שטראַלט פון זיי אַזוי פיל מענשלעך לעבן, אַז איר טראַכט גאָרניט, אַז דאָס זיינען אויסגעקלערטע".

מיט יאָרן צוריק, זייענדיג נאָך גאָר יונג, איז מיר אין דער דרוקעריי וווּ איך האָב געאַרבעט, אויסגעקומען צו זעצן פּרצעס זכרונות, וואָס האָבן זיך דאַן געדרוקט אין דעם ווילנער זשורנאַל „אידישע וועלט", וואָס דער קלעצקין פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן.

צו יענער צייט האָב איך שוין געהאַט געלייענט שלום עליכמען, מענדעלען, אָבער איך בין געוואָרן געפּלעפט, ווען איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט פּרצעס קורצן אָפּגעהאַקטן זאַץ, מיט די פיל פּינטעלעך, מיט זיין ניט־דערזאָגטן, מיט זיין ווונק, מיט זיין שאַרפקייט.

ס׳האָט מיך פּשוט פאַרכאַפּט.

כ׳האָב ביי אים דערהערט די פּראָסטע, געזונטע, יאָדערדיגע שפּראַך פונעם באַלעגאָלע און טרעגער, די קללות און געשרייען פון דער מאַרק־אידענע, די גראָבע וויצן פונעם שניידער־יונג — און אויך די איידעלע חריפותדיגע, קורצע רמזים פון די לומדים און גוטע יידן. די הויכע פענסטער און די קעלער־שטוב — ביידע זיינען זיי קוואַלן פאַר זיין שאַפן.

אינעם זשורנאַל „אידישע קולטור" שרייבט מייזילס וועגן ווינטשעווסקי און פּרץ, געפינט זיך דאָרט אַ זאַץ, אַרויסגענומען פון ווינטשעווסקיס אַן אַרטיקל איבער פּרצן, געשריבן פון פּרצעס טויט:

„קודם, זאָגט ווינטשעווסקי, פּרצעס אייגנאַרטיקייט. אַזאַ אָריגינעל דערציילן אַ מעשה האָב איך ביז דאַן נאָר געהערט ביי אַ בערנע. הייננט זיין יידיש! מיר האָט עס אַפילו געגריבלט אין די אויערן, ווי דאָס דאַרף זיין דער פאַל, ווען מען איז אַ ליטוואַק פון דער יאַרמולקע ביז די קנעכלעך. אָבער ווען איך האָב די דאָזיגע סקיצע איבערגעלייענט אַ צווייטן מאָל, האָב איך אָנגעהויבן הנאה האָבן אַפילו פון דעם לשון צוליב דער שיינקייט, דער קורצקייט, דער בויגזאַמקייט פון פּרצעס סטיל".

און וואָס פאַר אַ רושם עס האָט געמאַכט אויף מיר פּרצעס „שטריימל״, אָדער זיין „באָנטשע שווייג״.

מיר, יונגע אַרבעטער, פלעגן זיינע זאַכן לייענען גרופּנווייז. לייענען און זיך דערנאָך אַמפּערן צווישן זיך. געפּרוווט זיי טייטשן, אַריינטייטשן, און זיי צופּאַסן צו אונז, האָרעפּאַשנע מענשן.

אונז, יונגוואַרג, האָט שוין אין יענער צייט געעקבערט דאָס סאָציאַלע אומרעכט. מיר האָבן דאַן שוין געפיבערט מיט פּראָטעסט. מיר האָבן געזוכט דאָס קול, וואָס זאָל אַרויסרופן אין אונז דעם ברויזנדן כוח, כדי אים אין מעשים צו פאַרוואַנדלען.

און מיר, יונגוואַרג, ווערן מיטגעריסן, ווען מיר לייענען:

כ׳בין אַ פּראָפעט, כ׳קוק און זע דעם מאָרגן ליכטיגער ווי היינט;
איך טראָג די פאָן פון גאָטס אַרמיי —
און גאָטס אַרמיי איז איבעראַל.
די פאָן איז רויט, ס׳געווער איז ניי —
איך בין דער פעלדמאַרשאַל
איך פיר דעם קריג מיט אַשמדאי (דער נביא).

מיר האָבן דאַן אויפגעכאַפּט דאָס קול און זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי.

דאָס קול פונעם פעלדמאַרשאַל איז אונדז אייגנס געוואָרן פון דעם טאָג, ווען ער האָט געוואָרנט:

מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע,
באַשאַפן נאָר פאַר מאַכן זיך אַ וועג
מיט פויסטן און נעגל,
צום זויפן און פרעסן, ווען אַנדערע
שטאַרבן פון הונגער.
מיין נישט די וועלט איז אַ בערזע,

דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע;
געמאָסטן ווערט אַלץ, געוויגן ווערט אַלץ.
פון טרערן ווערט טייכן, פון טייכן ווערט ימען,
פון ימען, אַ מבול, פון פונקען אַ דונער,
אָ, מיין נישט לית דין ולית דיין.

אָט די וואָרנונג פּרצעס איז אין יענער צייט געווען ווי אַ באַלזאַם אויף אונזערע יונגע שווערע געמיטער, אויף אונזערע ניט אויסגעלעבטע פאַרלאַנגען.

„פון מיין אייגענער דערפאַרונג" — שרייבט קלמן מרמר אין זיינע זכרונות — „ווי איינער פון די ערשטע, אפשר טאַקע פון די סאַמע ערשטע, האָב איך אַלס יוגנטליכער אַרבעטער אָנגעהויבן לייענען פּרצעס „יום־טובדיגע בלעטער", אָנשטאָט די אָפיציעלע בראָשורקעס פונעם „בונד".

„די אַרבעטער" — שרייבט מרמר, „פלעגן אין פּרצעס מעשה־לעך אַריינטייטשן מאָטיוון פון קלאַסן־קאַמף".

און ניט אומזיסט, זאָגט מרמר, האָבן יידישע אַרבעטנדיגע מענטשן אַרויפגעקוקט צו פּרצן, ווי צו אַ לערער און וועגווייזער.

אין די געהיימע קרייזלעך פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען פּרצעס בלעטלעך געלייענט געוואָרן מיט דער זעלבער קדושה, ווי די געשריבענע ניט־לעגאַלע סאָציאַליסטישע בראָשורן.

פאַר די קעמפערישע יידישע אַרבעטער איז פּרץ געווען מער ווי אַ דיכטער און דערציילער. זיין שאַפן איז פאַר זיי געווען דער העכסטער אויסדרוק פון זיינע שטרעבונגען פאַר אַ בעסערן, שענערן און גערעכטערן מענשלעך לעבן.

די שטרעבונגען פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן צו סאָציאַלער גערעכטיקייט באַוועגט אויך פּרצן צו שרייבן פובליציסטישע

אַרטיקלען, ווו ער זאָגט אָפן, אַז די אַרבעטער־באַפרייאונג וועט קומען הויפּטזעכלעך דורך די אַרבעטער.

אָט ווי פּרץ רעדט וועגן דער אַרבעטער־פראַגע:

„אין אייראָפּע איז פאַראַן אַן אַרבעטער־פראַגע, וואָס אַז אַ באַלעבאַטישער מעטש דערמאָנט זיך אין איר, ציטערן ביים אים הענט און פיס. דער באַלעבאָס ווייסט, אַז דער אַרבעטער האָט קיין חשק ניט אויפצופאַסן זיך דאָס ליכטיגע גן־עדן... אַז ער איז הונגעריק, ווייל ער שוין ניט מודה זיין, אַז דאָס האָט אים גאָט היינט קיין ברויט ניט באַשערט, נאָר ער מיינט, אַז דער פאַבריקאַנט האָט אַ קישקע אַן אַ דנאָ... אַז דאָס ווייב ווערט אים קראַנק, אַז די קינדער הויבן אָן הוסטן, זאָגט ער שוין ניט ווי אַמאָל, אַז עס איז אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד; שלאָגט זיך שוין ניט אין האַרצן אַריין און לויפט שוין ניט צום שטריימל, עס זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה... אים דאַכט זיך גאָר, אַז זיין דירה איז שולדיג, אַז ער וווינט אין אַ נאַסן קבר... ער זאָגט, אַז די פאַבריקאַנטן קאָנקורירן אויף זיין חשבון, אַז דריי פערטל סחורה איז זיין שווייס און בלוט!"

פרץ זעט פאַר זיך די דערוואַכונג פון די אַרבעטנדיגע יידישע מאַסן. ער זעט דאָס אויפוואַכן פון דעם אַרבעטער — און הויבט אָן שאַפן פאַר די אַרבעטער ווערק פון אַ סאָציאַליטישן כאַראַקטער, אַ שטייגער, ווי: „ביים פּרעמדן חופּה־קלייד", „אין קעלער־שטוב", „שלום־בית", „דער משולח" אאַז"וו.

„ביים פרעמדען חופּה־קלייד", איינס פון פּרצעס גרויסע פּערל, איז געבויט אויף אַ סאָציאַלן מאָטיוו.

מ'דאַרף זיך בלויז דערמאָנען די אָראַטאָריע וואָס יעקב שייפער האָט געשאַפן צו פּרצעס „די צוויי ברידער".

„די צוויי ברידער" איז אַ טייל פון פּרצעס „ביים פּרעמדן חופּה־קלייד".

אָט די אָראַטאָריע הייבט זיך אָן:

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערשע פיסלעך אַ הייזל אין טאָל.
געשטאַנען זיך איינפאַך, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
אָן פוצעכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ!
אַ פענסטער אַ פיצלס, אָבער חנעוודיק האָלד,
די זון באַשיט עס טאָג־טעגלעך מיט גאָלד.
לבנה און שטערן פאַרהאַלטן זיך גערן,
און מאָלן מיט זילבער די שויבן!
דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט!
עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוווינט.

אָבער די ליבשאַפט צווישן די ברידער האַלט אָן אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס באַווייזט זיך די גאָלדענע שלאַנג אויף זייער שוועל.

און אַז עס איז פון די ברידער דער פרידן אַוועק — שרייט איינער:

ס'איז מיין עשירות, מיין רייכטום!

און דער צווייטער:

ס'איז מיין שוויס, און מיין בלוט!

אָבער ניט נאָר אינעם ליד, ניט נאָר אין דער דערציילונג, נאָר אויך אין דער פובליציסטיק, אינעם קורצן פעליעטאָן איז פרץ געווען דער מאָנער, דער וועקער, — דער, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן ברודער, וואָס נערט מיט זיין שוויס און בלוט דעם אַנדערן ברודער.

„זאָגט מיר קינדערלעך", פרעגט פרץ אין זיין ל"ג בעומר מעשהלע, — „זאָגט מיר וואָס פון אייך וועט אַרויס? ווער פון אייך וועט האַנדלען מיט פרעמדן שוויס און בלוט? ווער עס וועט בויען זיין הויז אויף יענעמס חורבה? אָ, זאָגט מיר ווער, דעם וועל איך אָן רחמנות אַרויסשלעפן פון דער בויד און וואַרפן אונטער די רעדער.

„נאָר זאָגט מיר אויך ווער פון אייך וועט אַרויסוואַקסן אַ מענש מיט אַ שטאָלצן שטערן, פרייע אויגן, אַ קלאָרן מוח און אַ ברייט, אָפן האַרץ, אַן ערלעכער אַרבעטער, וואָס וועט לעבן פון אייגענעם שווייס און בלוט — אָ, זאָגט מיר ווער, וועל איך אים אַראָפּנעמען פון בויד, אויסקושן יעדן אבר און מיטנעמען אין וואַלד אַריין.

„אינעם גרינעם וואַלד וועלן מיר זיך זעצן הינטער אַן אַלטן בוים און וועל איך פאַרטייטשן, וואָס פרילינג באַטייט, וואָס פריש לעבן הייסט:

איך זויג דיך מיט מיין בלוט, מיין קינד,
זויג דיך טאָג און נאַכט...
צי זויג איך אויס אַ פרייען מענש,
צי זויג איך אויס אַ קנעכט?

(פּ״עגט פּרץ אין זיין ליד יוכבד).

פּרץ דער דיכטער האָט אין זיין שאַפן נישט געזוכט דעם לייכטן וועג, דער וועג, וואָס איז מיט סאַמעט אויסגעבעט. זיין וועג איז געווען אַ פעלזיקער, אַ באַרגיקער, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט קלעטערן באַרג אַרויף.

אין איינעם פון פּרצעס עסייען: „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לייענער״, זאָגט פּרץ:

„צוויי וועגן האָט דער מענטש, וואָס גייט אַוועק פון טעג־לעכן לעבן, פון געשעפט און פון יאָגן זיך נאָך ברויט:

„איינער איז דער שפּאַציר־גאַנג ביים ברעג ים, אין שאָטן פון גלייך־אָפּגעשניטענע אַלייען מיט בלומען;

„און דער צווייטער איז דער טוריסטן־וועג.

„געטריבן פון אַ ברענענדיקער בענקשאַפט צו דער הייך— זוכט דער טוריסט זיין וועג צווישן פעלזן אויף די שפּיצן פון די העכסטע בערג.

„אויף די שפּיצן פון די הויכע בערג וואַקסט ניט קיין ווייץ פּאַר מענטשן, קיין האָבער פּאַר די פערד. און געפערלעך איז דער וועג.

„צוויי וועגן האָט דער מענטש, וואָס רייסט זיך אָפּ פון געשעפט, פון זאָרג אויף ברויט:

„דעם שפּאַציר־גאַנג — און דעם טוריסטן־וועג, — און אויף דעם לעצטן וויל איך זיך פירן.

„איך וויל מיט אייך רעדן פון דיכטער, וואָס האָבן זייער דיכטונג ג ע ל ע ב ט, — ניט געשריבן, און ניט אויפן מאַרק אַרויסגעטראָגן און פאַרקויפט; וואָס האָבן זייערע אידייען געפּרעדיקט נישט ווי פאַרטריקנטע בלומען אין אַ בוך אַריינ־געלייגט; איך וויל מיט אייך רעדן פון ביכער, וואָס מען האָט פון די דיכטער, און אין נאָמען פון די דיכטער געשריבן, און פון לייענער, וואָס זייער נאָמען איז פאָלק!

„פריי איז דער קינסטלער: — ער מעג מאָלן דעם זון־אויפגאַנג, דעם זון־אונטערגאַנג, דעם ים, דעם שטורעם, און דעם מדבר, אָבער נישט פריי איז דער דיכטער. זיין וועג איז דער טוריסטן־וועג,. וואָס שלענגלט זיך צווישן פעלזן און אָפּגרונטן, און אויף די הויכן, ווו עס שפּילט זיך אָפּ די גרויסע מענטשליכע טראַגעדיע, ווו צווישן שרעק, געפאַר, ווו עס ווערן געוווּנען די גרעסטע מענטשליכע פּראָבלעמען:

„וואָס איז לעבן? וואָס איז טויט? ווער בין איך? וווהין פירט מיין וועג?"

און ווען פרץ דער דיכטער האָט זיך געלאָזט קלעטערן אויף די הויכע, פעלדזיקע בערג, און גענומען שוועבן הויך, העכער, צו דער פאַרגאַנגנהייט — האָט דער דיכטער אין די הייכקייטן דאָרט דימענטן געפונען, דאָרט פערל געקליבן, זיי צוזאַמענ־געקליבן, געשליפן, און זיי אין טאָל אַראָפּגעבראַכט. געבראַכט

אונדז אין דער פאָרם פון זיינע ווונדערליכע חסידישע מעשהלעך, לעגענדעס און פאָלקסטימלעכע געשיכטעס.

און מערקווירדיק, פּרץ, וואָס סאיז געווען פאַרוויגט ביי אַלעמען ווי אַ קינסטלער פון געדאַנק און פּראָבלעם — גראָד פרץ האָט אַדורכגעוויזן אַ טיפן אינטערעס צום יידישן פאָלקס־שאַפן, צו די יידישע פאָלקס־שאַפערישע אוצרות, צום יידישן פאָלקלאָר.

און ניט נאָר פרץ, נאָר אַלע גרויסע נאַציאָנאַלע פאָלקס־דיכטער האָבן זיך גענערט פונעם פאָלקס־קוואַל.

דאָס פאָלקס־ליד, די פאָלקס־מעשה איז אַלע מאָל געווען אַ וויכטיגער יסוד אין דעם שאַפן פון גרויסע קינסטלער.

נאָך פושקינס טויט האָט מען געפונען העפטן, פאַרשריבן מיט זיין אייגענער האַנט, פאָלקס־מעשיות, פאָלקס־לידער, שפּריכווערטער פון פאַרשיידענע פעלקער. און וויפיל מעשיות און לידער עס זיינען אַריינגעפלאָכטן אין זיינע ווונדערבאַרע ווערק.

דאָס זעלבע איז מיט פּרצ׳ן. ער האָט געזאַמלט פאָלקס־לידער, פאָלקס־מעשיות, זיי אַליין אויפגעשריבן אין אַ העפט — און פון זיי געשאַפן זיינע ווונדערליכע חסידישע און פאָלקס־טימליכע געשיכטעס.

אברהם רייזען אין זיינע זכרונות דערציילט :

„דינענדיק אין קאָזונע אין מיליטער, באַקום איך אַ בריוו פון פּרצן מיט אַ בקשה, אַז איך זאָל אים שיקן פאָלקסלידער, אויב איך קען זיך אַזעלכע דערמאָנען.

„נאַטירלעך, זעץ איך מיר גלייך אַוועק אין קאַזאַרמע און הייב זיך אָן דערמאָנען די לידלעך, וואָס די מאַמע האָט מיר געזונגען... און אַז עס שעפּן זיך אויס פון מיין זכרון די פאָלקס־לידער, רוף איך צו די יידישע סאָלדאַטן, און בעט, זיי זאָלן מיר

פירזאָגן לידער, וואָס זיי קענען. און אַזוי שיק איך אַוועק צו פּרצן אַ היפּש פּעקל.

„און ווען איך האָב אייניקע גראָבע אויסדרוקן פון די לידער געפּרוווט איידעלער מאַכן, האָט פּרץ גלייך זיך געכאַפּט, אַז מסתמא האָב איך זיי אַביסל פאַרריכט. און — גיט רייזען צו — ניט פּרצן האָט מען געקענט נאַרן״.

גאָמבערג, וואָס איז געווען אַ בן־בית ביי פּרצן דערציילט:

„אויף פּרצן און זיין קרייז האָבן די לידלעך געווירקט ווי אַ נבואה, ווי אַן אַנטפּלעקונג. מיר האָבן אַלע געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ פרישער קוואַל, אַ לעבעדיקער אַ שפּרודלדיקער, האָט זיך געעפנט. זיי האָבן אַנטציקט מיט זייער ניט־געקינצלט־קייט, מיט זייער אמתדיקייט, מיט זייער האַרציקייט.

„איר האָט געפילט: אָט לעבט אַ פאָלק און זינגט; זינגט פון ליבע, פון בענקשאַפט, פון פרייד און פון צער״.

יצחק לייבש פּרץ האָט מיט זיין שאַפן פאַרוואָרפן אַ בריק צווישן דער אַלטער יידישער קולטור און דער נייער, וואָס איז אין אונדזער צייט געשאַפן געוואָרן. אין דער פאַרגאַנגנהייט פון פאָלק האָט ער געזען העראָאיזם און קראַפט, וועלכע ער האָט צוריקגעבראַכט צום הייַנטיקן לעבן, ווי אַ קוואַל פון מוט און גרויסקייט, און כוח צום אויסהאַלטן.

אין דעם לעבן און קאַמף פון דעם יידישן פאָלק האָט ער געזען דעם גרויסן המשך פון דעם פאָלקס זוכן, בענקן נאָך יושר און גליק, זינט די צייטן פון די נביאים ביז אונזער צייט.

און אַלס אַ מוסטער פון פּרצעס אויסגעכישופטע מעשהלעך, אָדער בעסער, פּערל, איז די געשיכטע מיט די אָראָפּגעלאָזטע אויגן.

„מעשים זיינען נייטיק; דורך זיי ווערט דעם מענטשנס נשמה געפּרוווט. אָן זיי איז זי הויל, ווי אָן אַ גוף. אָבער מעשים אָן אַ כוונה, זיינען ווי אָן אַ נשמה — טויטע מעשים. די כוונה גיט

זיי לעבן, זי מאַכט זיי פּאַר גוטע אָדער פּאַר שלעכטע; אָן איר ווענדט זיך זייער מאָראַלישער ווערט.

„דער דאָזיגער מאָטיוו, איינער פון פּרצעס גרונט־מאָטיוון, איז אויסגעדריקט קינסטלעריש אין די „אַראָפּגעלאָזטע אויגן".

„ביי יחיאל מיכל דעם אַרענדאַרס טעכטער האָט איינע מלכהלע, די יינגערע, געטאָן — ריכטיקער: מען האָט מיט איר געטאָן אַ שידוך — זייער אַ פיינעם, אַ באַלעבאַטישן; פון אויבן איז אַלץ געווען אַזוי שיין, אַזוי ריין און כשר, אינעווייניק אָבער, אין האַרצן ביי מלכהלען, האָט געלעבט דער יונגער פּריץ — וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג אויף איר אַמאָל, בעת זי איז נאָך בייט טאַטן אין קרעטשמע געווען און וואָס צוליב דעם האָט מען איר דאָן אויסגעריכט קיין פּראָג און געאיילט זיך זי חתונה מאַכן.

„איז זי לפנים געווען גוט מיטן מאַן, און די כוונה, דאָס האַרץ אירס, האָט געהערט אַן אַנדערן.

„אינעווייניק ביי מלכהלען לעבט אַ מחשבה זרה, אַ זינדיקע כוונה, אַ זינדיקע נשמה. דערפאַר, אַז זי שטאַרבט, גייט די נשמה אַרויס פון גוף אַ פאַרפלעקטע, אַן אומריינע, אַ פינסטערע.

„זי ווערט פאַרפאַלן ערגעץ אין גיהנום. דער גוף אָבער בלייבט גאַנץ, ער שטאַרבט ניט, ווייל — ער איז שוין פריער געווען אַ געשטאָרבענער. די נשמה געהערט אַן אַנדערן, ניט אים.

„פאַרקערט, נחמה, די עלטערע שוועסטער, האָט געזינדיקט מיטן גוף.

„אַ פּריץ האָט אין וואַלד, וווּ זי האָט ביינאַכט אויס מורא פאַר חיות רעות, אויף אַ בוים זיך באַהאַלטן, — זי געפונען און מיט גוואַלט זי צו זיך גענומען, — אָבער די כוונה, די נשמה אירע, איז ריין געבליבן.

עס גייט צו איר צו דער פּריץ, — פאַרמאַכט זי די אויגן און טראַכט: די מאַמע קושט מיר, עס האַלדזט זי און קושט זי די מוטער, און לערנט זי ברכות זאָגן, און גאָט פון אברהם זאָגן.

— זי האָט אַ ריינע, אַ הייליקע כוונה. מער ניט דער גוף ווערט פאַראומווירדיקט, — דערפאַר נאָך איר טויט, בלייבט פון איר קערפּער קיין שריד ופליט, קיין קבר ניט אַפילו; די נשמה אָבער, קוים האָט זי זיך באַפרייט פון זינדיקן גוף, האָט זי זיך לייכט און שטיל ווי אַ טויב, אויפגעהויבן אין דער הייך צום הימל. פאַרן טויער איז זי אַפילו געבליבן שטיין פאַרציטערט. נאָר גאָטס רחמנות האָט זיך צו איר באַוויזן, און האָט איר געעפנט דעם טויער, און האָט זי געטרייסט, און אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן.

„אַזוי האָט פרץ אין דער יידישער פאָלקס־לעגענדע אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק, אַז די נשמה אונדזערע איז טיפער פון אונדז, און זי איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע מעשים. זי, די נשמה, קען גרויס זיין, ווען אונזערע מעשים זיינען קליין. זי קאָן ריין בלייבן, ווען דער גוף אונדזערער איז אומריין, און, פאַרקערט, דער גוף קען שיין און ריין זיין — און די נשמה זינדיקט, די נשמה פאַלט".

* * *

און ווי הויך עס איז געשטאַנען ביי פרצן דער פּראָסטער ערלעכער מענש, וואָס האָט ניט געקענט אַזוי גוט לערנען, אָדער האָט אפשר אין גאַנצן ניט געקענט לערנען, אָבער דערפאַר איז ער גרייט געווען שטענדיג העלפן אַ צווייטן, העלפן דעם געפּאַלענעם, געפינען מיר עס אין נאָך אַ פּערל, וואָס הייסט „ביים גוסס צוקאָפּנס".

„אַז די צוויי מלאכים — דער גוטער מלאך און דער שלעכטער מלאך — האָבן אַראָפּגענידערט פון הימל צוצונעמען די נשמה פון נחמנקע פון זבאַרזש, וואָס האָט געגוססט, האָט נחמנקע קוים די אויגן געעפנט און געפרעגט:

„ווער איז דאָס? ווער זיצט עס ביי מיר צוקאָפּנס?

„איך, איך, אַ ליכטיקער מלאך, געקומען נאָך דיין נשמה. — קום מיט מיר.

„וווהין ? — פרעגט דער קראַנקער — צום הימל אַרויף, אין גן־עדן אַריין.

„און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימל, אין גן־עדן דאָרט ?

„גוט, פון גאָטס גנאָד באַשטראַלט, אין גלאַנץ פון כסא הכבוד, מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ.

„אָבער וואָס וועל איך דאָרט טאָן ?

„וועסט ניט דאַרפן טאָן. דאָרט איז אייביק רו אייביק לייכטיקער נחת, אָן אויפהער גליק. קום !

„איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפן, געפאַלענע אויפצוהייבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דורשטטיקע די ליפּן צו נעצן, פאַרלוירענע צו זוכן און צו געפינען ?

„ניין, דאָס ניט — דאָרט וועט קיינער ניט דאַרפן דיין הילף.

„און וואָס וועל איך דאָרט טאָן, מלאך, — דאָרט ווו קיינער דאַרף ניט מיין האַרץ, מיין נשמה, ניט מיין רחמנותדיגע טרער אין אויג ; ניט מיין וואָרט צו טרייסטן, און ניט מיין האַנט אויפצוהייבן צו וווערן פון גרוב !

„דער שלעכטער מלאך הערט און שמייכלט.

„קום בעסער מיט מיר — רוימט ער איין דעם גוסס.

„וווהין ?

„דאָרט ווו דיין האַרץ גלוסט, צו די אומגליקלעכע, הונגעריקע, דורשטטיקע, צו די פאַרחלשטע און פאַרמאַטערטע, צו די פאַרלוירענע און פאַרשאָלטענע, צו די פון גאָט־פאַרגעסענע.

„העלפן וועסטו ניט קאָנען, אָבער צוזאַמען ליידן, מיטפילן דאָס וועסטו קאָנען.

„און דער ווייסער מלאך איז אַוועק מיט ליידיקע הענט".

פּרץ האָט מיט דער זעלבער טיפקייט און שאַרפקייט

אַרויסגעבראַכט דעם אַפּיקורס און דעם גלויביקן, דעם מתנגד און דעם חסיד, דעם פאָלקסמענטש און דעם אויסגעווייקטן פּרוש, דעם זינדיקן און דעם הייליקן, דעם כלל און דעם יחיד — זיי אַלע זיינען אַדורך די פּריזמע פון פּרץ, זיינען געוואָרן אָפּגעשטראַלט פון זיין ליכט ; זיינען דורך אים באַלעבט געוואָרן, כדי ווידער צו ווירקן און באַווירקן דאָס לעבן.

ווען מען וויל אָפּשאַצן פּרצעס גרויסקייט, וואָלט מען געדאַרפט זאָגן, אַז פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַליין געשעפּט פון חסידישן קוואַל.

פּרץ האָט דערפילט, אַז דורך דער פאָלקס-מעשה ווערט אַנטפּלעקט דער כאַראַקטער פון יידיש-רעליגיעזן פאָלקס-לעבן, פון דער יידישער וועלט-אַנשויונג אין דער חסידישער מעשה ווערט אָפּגעשפּיגלט די וועלט, מיט איר התלהבות און האַרמאָ-נישער אחדות, מיטן שטרעבן צו גייסטיגער גבורה, צום אייביקן שבת, ווי ר׳ שלמה וויל האָבן אין פּרצעס דראַמע „די גאָלדענע קייט".

דעריבער איז אַזוי גרויס יעדע חסידישע מעשה, וואָס פּרץ האָט אויסגעמייסטערעוועט.

פּרץ האָט אין זיין לעבן קיין רבין אפשר נישט געזען — זאָגט ש. אַנ—סקי. אין דער אמתן האָט ער אפשר פיינט געהאַט רביים. פּרץ, דער גרויסער פּאָעט פון דער אַלטער טראַדיציע, וועלכער האָט אַזוי פאַרשטאַנען איר פּאָעזיע און איר שיינקייט, און דאָס שיינקייט אינעם לעבן פון די פּראָסטע און נאַיוו-גלייביקע — האָט אַליין אויסגעמיטן אַלע מנהגים, וועלכע האָבן ניט געשטימט מיט זיינע איבערצייגונגען. דער העכסטער פּאָעט פון דער חסידישער לעגענדע האָט ניט ליב געהאַט, כמעט פיינט געהאַט די גוטע יידן.

אָבער פּרץ האָט געהאַט פאַר זיך צוויי מינים רביים : די ווירקלעכע רביים, וואָס ער האָט אפשר פיינט געהאַט, און די

אויסגעחלומטע רביים, וואָס ער האָט וועגן זיי געלייענט אין פאַרשיידענע חסידישע מעשה־ביכלעך און וואָס ער האָט זיך וועגן זיי אָנגעהערט פאַרשידענע לעגענדעס אין זיינע יונגע יאָרן, אין זיין געבורטשטאָט זאַמאָשטש.

און אַלס אַ מוסטער פון זיין אויסגעחלומטן רבין געפינען מיר ביי פרצן אין זיין מייסטער־ווערק „צווישן צוויי בערג״.

צוויי בערג, וואס איין באַרג איז דער בריסקער רב און דער צווייטער באַרג איז דער ביאַלער רבי.

דער ביאַלער רבי איז געווען אַ תלמיד אין דער ישיבה פון בריסקער רב. איז אים ענג געוואָרן אין דער ישיבה פון דעם בריסקער. עס האָט אים אָטעם פאַרפעלט.

ווייל גרויס איז געווען דער בריסקער רב, און שטרענג איז געווען זיין דינען דעם רבונו של עולם. טרוקן איז געווען זיין תורה.

און דער ביאַלער תלמיד האָט זיך אַ צייט לאַנג מיט דער דעה געשלאָגן: צי זאָל ער פאַרלאָזן די ישיבה?

נאָר איין מאָל האָט זיך נחן, דעם תלמיד, אַ חלום געחלומט: אַז דער בריסקער רב איז צו אים אַריינגעקומען און געזאָגט:

קום, נח, איך וועל דיך פירן אין גן־עדן.

און ער פירט אים אַריין אין אַ גרויסן פּאַלאַץ און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט ניט קיין סוף.

און מיד איז געוואָרן נח גייענדיק. אינעם פּאַלאַץ איז געווען פוסט, אַחוץ זייביידן איז קיינער ניט געווען.

— האַלט זיך אָן אין מיין יופּעצע — זאָגט דער בריסקער — וואָרעם קוים רייסטו זיך פון מיר אָפּ, וועסטו פאַרבלאָנדזשען אויף אייביק.

און אַ בענקשאַפט נאָך מענטשן, נאָך יידן האָט נחן אַרומגעכאַפּט.

עפּעס אַ קלייניקייט, מ׳זעט ניט קיין יידן פאַר די אויגן.

און דער בריסקער, זעענדיק זיין טרויעריקן געמיט, זאָגט צו אים:

בענק נישט, נח, דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פאַר אונדז ביידן. דו וועסט אויך אַמאָל זיין אַ בריסקער רב.

און דער רבי ר׳ נח האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן און האָט אויסגעשריגן:

רבי, פירט מיך אַרויס פון דאַנען! איך וויל זיין מיט כל ישראל.

און אַז דער ביאַלער רבי איז סוף כל סוף אַוועק פון דער ישיבה און איז אין קורצן נתגלה געוואָרן, — זיינען זיך אָט די צוויי בערג צוזאַמענגעקומען. איין באַרג, דער בריסקער, האָט דערקענט דעם צווייטן באַרג, זיין אַמאָליקן תלמיד.

— זאָג מיר, נח, וואָס ביסטו עס אַנטלאָפן פון מיין ישיבה?

— עס האָט מיר, רבי אָטעם פאַרפעלט. ניט מיר, נאָר מיין נשמה.

— פאַרוואָס, נח?

— אייער תורה, רבי, איז סאַמע דין אָן רחמים איז זי! אָן אַ פונק חסד איז אייער תורה. און דעריבער איז זי אָן שמחה, אָן פרייען אָטעם. אייזערנע געזעצן. קופּערנע דינים, און סאַמע הויכע תורה, פאַר לומדים, פאַר יחידי סגולה.

זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר פאַרן כלל ישראל? פאַרן האָלץ-העקער, פאַרן קצב, פאַרן באַלמעלאָכע, פאַרן פּראָסטן ייד? בפרט נאָך פאַר אַ זינדיקן ייד. וואָס, רבי, האָט איר פאַר ניט-לומדים?

זייט מיר מוחל, רבי, אייער תורה איז געוועזן האַרט, טרוקן, ווייל זי איז נאָר דער גוף און ניט די נשמה פון דער תורה.

— און וואָס איז דיין תורה, נח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תורה זען? ווי אַזוי?

און ער האָט אים אַרויסגעפּירט אויפן גאַניקל, וואָס איז אַקעגן גרינעם וואַלד געווען. און אין וואַלד האָבן כתות חסידים ניגונים געזונגען; און יעדע כּתה האָט איר ניגון געזונגען; און אין דער לופט האָבן זיך אַלע ניגונים אויסגעמישט, און צו דעם רבינס גאַניקל אַז צוגעקומען איין זמר, איין ניגון גלייך ווי אַלע וואָלטן זינגען איין זמר. און דער הימל זינגט, און די ערד פון אונטן זינגט, און די נשמה פון דער וועלט זינגט — אַלץ זינגט!

— מען דאַרף מנחה דאַוונען! — האָט פּלוצים דער בריס־קער אַרויסגעזאָגט און — דער ניגון איז איבערגעריסן געוואָרן.

* * *

אָט די צוויי בערג זיינען זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענגעקומען.

אָט אַזוי איז געווען די תורה פון פּרצעס אויסגעחלומטן רבין.

פרייד, געזאַנג, באַהעפטונג מיטן מענשן; די זון, דער וואַלד, דאָס גרינע גראָז — אַלץ זאָל מיטזינגען.

די תורה, וואָס זעט נישט אָט די אַלע שיינקייטן פון דער וועלט; די תורה, וואָס איז טרוקן, וואָס האָט נישט קיין פרייד פאַרן מענטשן; וואָס האָט ניט קיין טרייסט פאַרן מענטשן — אָט די תורה האָט פּרץ נישט ליב געהאַט. אַקעגן אָט דער תורה האָט פּרץ אויסגעמאָלן, אויסגעחלומט די תורה פון ביאַלער רבין.

אַקעגן דעם בריסקער רב האָט פּרץ אויסגעחלומט דעם נעמיראָווער רבין, וואָס פאַרשווינט סליחות־צייט יעדן פרימאָרגן, און וואָס די חסידים זיינען זיכער, אַז נישט אַנדערש ווי דער רבי גייט אין הימל אַרויף. וואָרעם ווייניק געשעפטן האָט דער רבי צו פאַרזאָרגן? יידעלעך דאַרפן פּרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים. ווער דען זאָל העלפן, אַז נישט דער רבי?

אָבער דער נעמיראָווער איז נישט אין הימל אַרויף, נאָר האָט זיך אין פּויערשע בגדים פאַרשטעלט, האָט די האַק גענומען, איז אין וואַלד אַוועק, און האָלץ אָנגעהאַקט. דאָס האָלץ צו אַ

קראַנקער אָרעמער פרוי אין שטיבל געבראַכט, האָט דעם אויוון איינגעהייצט — האָט ער אַן אָרעמער פרוי מחיה געווען, איר נשמה דערוואַרעמט.

און אויב אַ חסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך צו סליחות אויף אין הימל — פלעגט שוין אַ ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

„אויב נישט נאָך העכער".

יוחנן דער גבאי, וואָס לייגט זיך אַ זאַטער, אַ צופרידענער אין זיין וואַרימען בעט אַריין דענקט, אַז ער האָט זיך איינגעקויפט עולם הבא מיט דעם, וואָס ער האָט געהייסן דעם שמש פאַרשליסן דאָס בית־המדרש ביינאַכט, אַז אַן אָרימאַן זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן איבערשלאָפן.

גאָטס הויז זאָל נישט מער זיין קיין שלאָף־שטוב! אין פרימאָרגן האָט מען ביי דער שוועל פונ׳ם בית־מדרש געפונען אַ דערפרוירענעם אָרעמען מענשען.

און די נשמה פונעם פאַרפרוירענעם איז אין הימל אַרויף, האָט זי׳ זיך גענומען אויסטענהן פאַרן רבונו של עולם:

„איך, בערל בן יהודה, בין שוין אַ זיבעציקער, אַזוי לאַנג ווי איך האָב נאָר געהאַט כוח, האָב איך געאַרבעט אויף פרנסה. אַצינד בין איך אָבער אַלט און האָב נישט קיין כוח, האָב איך געמוזט גיין איבער די הייזער. בין איך אַהער געקומען. די קעלט איז געווען גרויס, האָב איך געוואָלט איבערנעכטיקן אין בית־מדרש, ווי מ׳איז זיך שטענדיק נוהג געווען ביי יידן. האָט מיך דער שמש נישט אַריינגעלאָזן. פרעג איך דיר, רבונו של עולם, ווער באַדאַרף גיכער האָבן דאָס בית־מדרש דו, אָדער איך?"

יאָ, פרץ האָט נישט ליב געהאַט די יוחננס, וואָס פאַרשליסן די בתי־מדרשים פאַר אָרעמעלייט. אין גאָטס הויז, מוז יעדער געפינען פלאַץ דעם גוף און די נשמה צו דערוואַרעמען!

ער האָט נישט ליב געהאַט די רבנים, אין דער געשטאַלט פון אַ בריסקער רב, אַז דער גן־עדן איז נאָר פאַר אים!

ער האָט נישט ליב געהאַט די כלי־קודש, וואָס מאַכן פון דער תורה אַ סחורה, וואָס פאַרקויפן זי, אויפן קווינט און אויפן לויט, אויפן גלעזל, ווי בראָנפן אין אַ שענק.

„זאָגט מיר ווער, וועל איך אים אַרויסשלעפן און אָן רחמנות וואַרפן אים אונטער די פיס פון פערד. ווייל נאָר פערדס פּאַטקאָוועס קענען אַרויסשלאָגן אַ פונק פון אַזוינע פינסטערע מענטשן".

פרץ האָט געהאַלטן אין איין שפּינען זיינע וואונדערלעכע פאָלקסטימלעכע מעשיות, ער האָט אַריינגעגעבן אין די פאָלקס־טימלעכע געשיכטעס פאָלקס־חכמה, פאָלקס־שטייגער, פאָלקס־סטיל, און אויך אייגענער מייסטערשאַפט, אייגענעם ריטם, אייגענעם כאַראַקטער.

באַמיענדיק זיך אויפצוהיטן דאָס פּרימיטיווע, נאַיווע און גלויביקע, וואָס דאָס פאָלק האָט אַריינגעגעבן אין דער מעשה — פילט זיך אָבער פרצעס גייסט, פרצעס נשמה, פרצעס בליק אומעטום.

דער באַרימטער יידישער פאָרשער און זאַמלער פון פאָלקלאָר, דער מחבר פון „דיבוק", ש. אַנ—סקי, גיט איבער וועגן פרצעס באַזונדערער צוגעבונדנקייט צו די פאָלקס־מעשיות.

„יעדעס מאָל — דערציילט אַנ—סקי — ווען איך בין געווען אין וואַרשע, פלעגט מיך פרץ אַנידערזעצן צו דערציילן אים חסידישע מעשיות. אָפטמאָל פלעג איך שעהן־לאַנג זיצן און דערציילן אים איין מעשה נאָך דער אַנדערער. ער האָט צוגעהערט און נישט געקאָנט זיך אָנזעטיקן. דערביי האָב איך געהאַט די מעגליכקייט זיך צוצוקוקן, ווי עס קומט פאָר די שעפערישע אַרבעט פון פרצעס גייסט. דאָ גופא בעת איך האָב נאָך די מעשה דערציילט, האָט פרץ זי שוין אויפגענומען, אַסימילירט, אַרויס־

געוואָרפן פון איר די ניט־קינסטלערישע שטריכן, צוגעגעבן נייע, צוזאַמענגעבונדן מיט פּרטים פון אַן אַנדער מעשה, — און איך האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו ענדיקן, ווי פּרץ האָט שוין מיר דערציילט די אייגענע מעשה אין אַ פאָלקסטימלעכער געשיכטע, וועלכע איז געווען אַזוי ווייט פון דעם ערשטן נוסח, ווי אַ געשליפענער ברילִיאַנט פון אַ נאַר־וואָס אויסגעגראָבענעם ברילִיאַנטן־שטיינדל".

אויף מאָרגן איז איינע אַזאַ מעשה אָנגעשריבן און אין אַ פּאָר טעג אַרום געדרוקט געווען מיט אַ ווידמונג — אַנ—סקין דעם זאַמלער.

אויך דינעזאָן פלעגט אָפט דערציילן פּרצן מעשיות. פּרץ האָט פון זיי שטאַרק אָנגעקוואָלן. און אויף איינער אַ מעשה, וואָס פּרץ האָט אָנגעשריבן, האָט ער געגעבן אַ ווידמונג יעקב דינעזאָן:

„פון דיינע ציגל דיר אַ בנין".

דאָס פאָלקס־שאַפן איז געווען אַ שטענדיקער קוואַל פאַר פּרצן — סיי די חסידישע מעשה, און סיי די פּשוטע פאָלקס־מעשה.

פּרץ האָט לאַנגע יאָרן ניט אויפגעהערט צו טרינקען פונעם פאָלקס־קוואַל. אַליין געטרונקען און אָנגעטרונקען די פעלדער פון דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם, וואָס ער האָט געשעפּט פולע עמערס פונעם פאָלקס־קוואַל.

בערל דער שניידער, אינעם בוך חסידיש, וואָס טענהט זיך אויס פאַר ר' לוי יצחק בערדיטשעווער — מאָנט גערעכטיקייט ביים רבונו של עולם!

„וואָס ווילסטו, בערל, פּרנסה?

„קיי און שפּיי! פּרנסה האָט ער געזאָלט פריער געבן! פּרנסה קומט יעדן! דעם פויגל אין דער לופט דעם ווערימל אויף דער ערד. אַצינד וויל בערל מער.

„ער וועט דעם רבונו של עולם מער נישט דינען, ביז דער

רבונו של עולם וועט אים דאָס יאָר די עבירות ניט מוחל זיין.

„בין איך געגרעכט, רבי ?

„גערעכט — ענטפערט ר׳ לוי. האָסט געפּועלט״.

און חיים דער טרעגער (אין שלום בית) מאָנט עולם־הבא — נישט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַרן ווייב און קינדער אויך. ער וויל נישט, אַז דאָס ווייב זיינס זאָל זיין זיין פוס־בענקעלע ! אויף איין שטול מוז זי זיצן מיט אים.

דער רבונו של עולם וועט מוזן באַשטיין.

ווער זיינען די העלדן פון פּרצעס דערציילונגען, מעשיות און לידער ?

פּרצס העלד איז דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר, דער פּשוטער ייד, דער טרעגער, דאָס אָרעמע מיידל, דער וואַסער־טרעגער, די וואָס וווינען אין די קעלער־שטובן, דער מלמד, דער ייד אין דאָרף, דער אָרעמער חסיד, דע ייד, וואָס האָט נישט אויף פּסח, דער ייד, וואָס ווייסט נישט פון וואָס ער לעבט היינט, און פון וואָס ער וועט לעבן מאָרגן.

פּרצעס העלד — איז דאָס פאָלק.

און נישט נאָר אָרעמקייט און נויט זעט ער ביים פאָלק, — ביי זיי זעט ער אויך די גרויסע, אמתע שיינקייט פון לעבן. דעם גרויסן חלום פון אַ ליכטיקער וועלט. די גרויסע העלדישקייט, די הייליקייט פון דעם גלויבן, און די שיינע גרייטקייט צו שטאַרבן פאַרן פאָלק — די שיינקייט פון דעם יידישן קידוש השם. ליבע צום פאָלק, טיפער גלויבן אין אים. גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר אים, טיפער גלייבן אין סאָציאַלער גערעכ־טיקייט — און אין דעם אומפאַרמיידליכן קומען פון אַ נייער, פרייער און גלייכער וועלט.

די אידעע פון גרויסן יושר האָט אָנגעפילט פּרצעס גאַנץ שאַפן. ווי אַ וויי־געשריי, וואָס רייסט זיך אַרויס פון סאַמע האַרץ פון אונטערגעדריקטן מענטשן האָט געקלונגען פּרצעס :

ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געוויין ?
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודער׳ס געוויין ?

און ווי אַן אָנזאָג אויפן גרויסן טאָג פון חשבון קומט פּרצעס וואָרנונג:

„אָ, מיין ניט לית דין ולית דיין!"

* * *

יאָ, דאָס גרויסע האַרץ, וואָס האָט אין משך פון איבער 60 יאָר געקלאַפּט מיטן לעבן פון זיין פאָלק האָט מער דעם ווייטאָק נישט געקענט פאַרטראָגן—עס האָט זיך פריצייטיק אָפּגעשטעלט. אָפּגעשטעלט.

דאָס קול, וואָס האָט אין משך פון 40 יאָר געמונטערט און געטרייסט, גערעדט וועגן שיינקייט, פרייהייט און גליק — איז שטיל געוואָרן, און די פּען, וואָס האָט אין משך פון די אַלע יאָרן געמאָנט יושר און געפאָדערט גערעכטיקייט, געבראַכט אַזוי פיל ליכט און פרייד פאַר זיין פאָלק — איז געבליבן ליגן אַ שווייגעדיקס.

פּרץ איז געשטאָרבן חול המועד פּסח, דעם 13טן אַפּריל, 1915, בעת ער איז געזעסן ביים שרייב־טיש און געשריבן אַ קינדער־ליד וועגן אַ פויגל:

שטילער, שטילער!
דאַנקען וויל ער . . .

דאָס זיינען די לעצטע שורות פון פּרצעס ניט פאַרענדיקט ליד. קיינער וועט, נאַטירלעך, שוין נישט וויסן וועמען און פאַרוואָס פּרץ האָט אין זיינע לעצטע מינוטן געוואָלט דאַנקען, און וועגן וואָס פאַר אַ שטילקייט ער האָט גערעדט אין זיינע לעצטע פאָר שורות.

זיכער איז, אַז זיין דעם יידישן לעבן, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט, איז דעמאָלט גאָר נישט געווען שטיל און די שווערע

יידישע צרות פון יענער צייט האָט זיך אים שווער געלייגט אויפן האַרצן און דערנענטערט זיין סוף.

און פונקט ווי דאָס פאָלק, אַזוי ווערן זיינע גרויסע קינסטלער קיינמאָל נישט אַלט.

צום 46טען יאָרצייט פון׳ם גרויסן פאָלקס־קינסטלער און איינעם פון די הויפּט־שאַפער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איז פּרץ פאַר אונז אַזוי פריש און אַזוי ניי, ווי ער וואָלט היינט געווען מיט אונז און היינט געשאַפן פאַר אונז.

פאַר אונז איז ער היינט נאָך אַלץ דער לעבעדיגער אָנזאָג אויף דער גרויסקייט און שיינקייט פון דעם לעבן און פון דער קולטור פון אונדזער פאָלק.

אין דער גרויסער און רייכער פיל־טויזנט־יאָריגער קולטור־ירושה פון אונזער פאָלק פאַרנעמט זיין ליכטיק און שטענדיק אָרט — יצחק לייבוש פּרץ.

און מיר, די פאַבליבענע יידן אויף דער וועלט, מיט אַלע אונדזערע אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן פון אַ לעבעדיק פאָלק— זיינען היינט די יורשים ניט נאָר פון י. ל. פּרצן, נאָר אויך פון פּרצעס גרויסן, גרויסן שבת, וועגן וועלכן פּרץ האָט זיין גאַנץ לעבן געטרוימט.

די ירושה איז אַ גרויסע און זי פאַרפליכטעט אונז היסטאָריש.

שלום - עליכם (1916—1859)

שלום־עליכם

אין 1859 איז ביי אַן אָרימער יידישער משפּחה, אינעם אוקראַינישן שטעטל פּערעיאַסלאַוו, פּאָלטאַווער גובערניע, געקומען אויף דער וועלט אַ יינגל מיטן נאָמען שלום ראַבינאָוויטש — דער שפּעטערדיקער געניאַלער שלום עליכם. און דעם 12טן מערץ, 1959, צו זיין הונדערטסטן געבוירן־טאָג, איז אָט די דאַטע פאַרצייכנט געוואָרן ווי אַ גרויסע היסטאָרישע געשעעניש, נישט נאָר אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק, נאָר אויך פון דער גאַנצער קולטורעלער מענטשהייט.

ווי קורץ ס׳איז געווען זיין לעבנס־שפּאַן! קוים 57 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. אַזוי פרי, אַזוי יונג און אין פולן ברען פון זיין שעפערישקייט, איז שלום עליכם אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם לעבן. וויפיל ער וואָלט נאָך געקאָנט שאַפן סיי אין קוואַנטיטעט, סיי אין קוואַליטעט, ווען ער לעבט נאָך אַ 25־30 יאָר.

ס׳איז אַ קוואַל פון שטאָלץ פאַרן יידישן פאָלק, וואָס אַ קינד פון דער יידישער אָרעמשאַפט איז געוואָרן דער גרויס־מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור. היינט געהערט ער שוין צו אַלע פעלקער.

שלום עליכם, דער גרויסער קינסטלער און הומאַניסט, איז מיט האַרץ און נשמה געווען אויף דער זייט פון די אָרעמע און געקריוודעטע. אויף וויפיל ער האָט פיינט געהאַט די גבירים און אונטערדריקער, אויף אַזויפיל האָט ער ליב געהאַט דעם פשוטן מענטש. האָט דער דאָך ביי זיין לעבן נאָך אָנגעזאָגט, אַז נאָכן טויט זאָל מען אים לייגן צווישן דעם פשוטן פאָלק, און אויף זיין מצבה זאָל מען אויסקריצן: „דאָ ליגט אַ ייד אַ פשוטער". דאָס פאָלק האָט שלום עליכמן צוריק אָפּגעצאָלט מיט ליבשאַפט און פאַרערונג.

דער אינטערעס צו שלום עליכמס ווערק, די פאַרערונג און ליבשאַפט צו זיין שאַפן, האַלט אין איין וואַקסן ניט נאָר ביי אונדז יידן, וואָס געניסן פון זיין לויטערע קוואַלן אינעם אָריגי־נאַל, אין אונזער יידיש, נאָר אויך ביי ניט־יידן, וואָס לייענען און קוויקן זיך מיט זיינע שאַפונגען דורך דער גרויסער צאָל איבערזעצונגען אויף פאַרשידענע שפּראַכן.

איז דעריבער שלום עליכמס הונדערטסטער געבוירן־יאָר געווען דער יום טוב פון אַלע פעלקער, וואָס שטרעבן צו אַ לעבן פון שלום, קולטור און ווילזיין. און מיר, יידן, דאַרפן אַוודאי זיך פרייען וואָס אָט דער „ייד דער פשוטער", האָט געלעבט, געווירקט אין אונדזער צייט, און געטראָגן פרייד און בטחון צו זיין אייגן פאָלק און צו אַלע מענטשן־קינדער.

זיין גרויסן טאַלאַנט, זיין גרויס וואַרעם יידיש האַרץ, זיין וואונדערלעכע מייסטער־פּען, האָט ער אָוועקגעשענקט דעם פאָלק — דעם פשוטן מענטש, דער יידישער פרוי, דעם יידישן קינד

און זיי באַשיינט, באַחנט און באַשטראַלט זייער אָרעמקייט, מיטן שענסטן און בעסטן וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

* * *

און די פאָרשונג־אַרבעטן וועגן שלום עליכמען וואָס הערן קיינמאָל ניט אויף, פאַרנעמט, נאַטירלעך, אַ גרויס אָרט די פאָר־שונג וועגן זיין הומאָר. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז דער דאָרש־טיקער יונגער גייסט פונעם צוקונפטיקן מייסטער־דערציילער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין זיין אייגענער משפחה אויף אַ קוואַל פון וואַנעט ער האָט געשעפּט און געשעפּט.

אַ קלאָרן אָנווונק אויף דער פאַרבינדונג, וואָס איז געווען צווישן שלום עליכמס טאַלאַנט מיט מיטגלידער פון זיין משפחה, קאָן מען געפינען אין זיין פאָטערס ברודער ניסן ראַ־בינאָוויטש (זיין באַליבטער פעטער ניסל), וואָס איז געווען דער ערשטער הוליאַקע אין שטעטל, וועלכער האָט ליב געהאַט אַ סך צו לאַכן, און געקאָנט מאַכן לאַכן אַנדערע. אָדער דער פרומער גאָטספאָרכטיקער פעטער פיני, וואָס פלעגט אויף חתונות, לשם מצווה, טאַנצן אויף לייכטער מיט ברענענדיקע ליכט, אַזוי גרינג, אַזוי גראַציעז, ווי די גרעסטע טענצער אין דער וועלט.

זיי, די משפחה־מיטגלידער, זיינען זיכער געווען די טרע־גער פונעם אַרטיסטישן פונק, וואָס האָט ביים יונגן ש״ע זיך שפּעטער צעפלאַקערט אין אַ גרויסן פלאַם.

און ס׳איז אויך ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז זיין פּערל־דיק יידיש, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פון אַלע געבענטשטע היימישע קוואַלן — פון דעם איידעלן פאָעטיש־געשטימטן פאָ־טער, פון דעם האַרבן ליטווישן מלמד, פון דעם פריילעכן, וויצל־דיקן פעטער ניסל, פון דער פעפערדיקער געשמאַק־שעלטענדי־קער באַרדיטשעווער שטיפמאַמע, ביז דעם צוקינפטיקן שווער פון שלום עליכם, דער אַלטער לאָיעוו, וואָס איז געווען אָנגע־זאַפּט מיט פאָלקס־הומאָר.

וועגען דער השפעה פון משפחה און סביבה אויף שלום עליכמס גייסטיקן וועזן און שאַפן, וועט נאָך פּאַר בעלנים פאַרשער בלייבן גענוג פּלאַץ צו פאָרשן. אויב ש. ביגער האָט אין אַ פאָרש־אַרבעט פּרובירט דערגרונטעווען זיך פון וואַנען, פון וועלכע קוואַלן ש״ע האָט געשעפּט זיין הומאָר.

שלום עליכמס הומאָר, האָט פאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ באַזונדער אָרט, כמעט דעם אויבנאָן — דערמיט, וואָס ער איז אַ ריינער, אַ פרייער, אַ שפּילעוודיקער, אַ שטיפע־רישער הומאָר.

שלום עליכם א׳ז גאָר־נישט ניט אויסן געווען מיט זיין לאַכן. ער האָט געלאַכט, ווייל לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן. דאָס איז, זאָגט ביגער, אין אַזאַ ערנסטער, זיך ניט שפּילנ־דיקער ליטעראַטור, ווי די יידישע, געווען כמעט אַן איבערקערע־ניש. און דאָס איז שלום עליכמס גרעסטער אויפטו.

אָבער קיין אויפטו שפּרינגט ניט אַרויס פון העלער הויט. עס איז דאָ אַן ערב־שבת ביי יעדן שבת און עס מוז אויך זיין אַן ערב שלום עליכם.

עס מוזן זיך ערגעץ־ווו געפינען יענע שמאָלע, שוואַכע ריג־געלעך, וועלכע האָבן געטראָגן זייערע לעבעדיקע שמייכלנדיקע וואַסערלעך אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך אויפגעזאַמלט דער ברייטער, ליכטיקער, זוניקער שטראָם פון שלום עליכמס געלעכטער. און ווייטער: צי איז אין דער ליטעראַטור פון פאַר שלום עליכמען, אין די פריערדיקע מעשה־ביכלעך געווען פול גאָר מיט מוסר און השכלה? האָט זיך ערגעץ־ווו ניט פאַר־גנבעט אַ שטיפעריש בלעטל? זיינען די אַלע מחברים געווען אַלע ערנסטע מענטשן מיט כמורנע פּנימ׳ער, פאַרקנייטשטע שטערנס און איינגעבויגענע רוקנס?

נו, דערציילט טאַקע ש״ע אַליין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע פונעם יאַריד, אַז נאָך אין די קינדערשע יאָרן האָט ער געהערט

זיין פאָטער פאַרלייענען עפּעס אַ יידיש מעשה־ביכל, פון וועלכן דער עולם האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ביכל—שרייבט ער דאָרטן—קען זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע ניט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, אַז ס'איז געווען אַ ביכעלע אַ קליינטשיקס, מיט געלע, פאַרשמאַלצעוואַטע, צעפּאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך, אַן טאָוועלעך און אַפילו אָן אַ פאָדערבלעטל. שבת־צו־נאַכטס, אַלע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי רב נחים וועוויקס — שלום עליכמס טאַטע — אויף אַ מלוה מלכה. די מאַמע פאַרנומען אין קיך מיט צוגרייטן כיבוד פאַר די געסט און דער עולם האַלט זיך אונטער דערוויל. רב נחים לייענט אַ מעשה־ביכל. דער טאַטע לייענט און דער עולם זיצט אַרום טיש, רויכערט פּאַפּיראָסן און מען קאַטשעט זיך, מען האַלט זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער. מען אונטערברעכט אַלע מינוט דעם פאַרלייענער, און מען דריקט אויס די גרויסע התפּעלות הויך אויף אַ קול, און עס שיטן זיך קללות אויפן בעל מחברס אַדרעס:

אָט אַ ימח־שמוניק! אַ כל־בוניק! אַ ממזר! אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין! אַפילו דער פאַרלייענער אַליין קאָן זיך ניט איינהאַלטן, ווערט שיער דערשטיקט פון געלעכטער! די קינדער ווילן ניט גיין שלאָפן און שלום עליכם אַוודאי ניט.

פאַרשטיין וואָס דער טאַטע לייענט, פאַרשטייט ער ניט, נאָר ס'איז אים גלאָט געפעלן צו זען, ווי יידן מיט בערד קאַטשן זיך, האַלטן זיך ביי די זייטן און שיסן אויס אַלע מאָל מיט אַ געלעכטער.

און ער, שלום, זיצט פון דערווייטנס און קוקט אין אַלע־מענס פּנימער, ווי זיי שיינען, און ער איז מקנא יענעם יידן, וואָס האָט געמאַכט אָט־דאָס ביכעלע, און זיין טיפסטער ווונטש איז געווען, אַז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויסוואַקסן און ווערן

אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזאַ ביכעלע, וואָס יידן וועלן דאָס לייענען און לאַכן און וועלן אים שעלטן, אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, אין טאַטנס טאַטן אַריין.

דער קונדס אין שלומקען איז געווען איינגעזאַפּט אין זיינע בלוטן — קאָפּירן, נאָכמאַכן, איבערקרימען — דערויף איז אונ־זער שלום געווען אַ מזיק! האָט ער דערזען עמיצן דאָס ערשטע מאָל, אַזוי האָט ער שוין געפונען אויף אים עפּעס אַ חסרון, אָדער לעבעדיקס און ער האָט זיך שוין אָנגעבלאָזן ווי אַ פּענכער, און ער האָט אים שוין נאָכגעמאַכט און חברה שקצים האָבן געלאַכט און טאַטע־מאַמע האָבן צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבן. אַז דער שייגעץ מאַכט נאָך די גאַנצע וועלט, ווי אַ מאַלפּע — מען דאַרף אים אָפּגעווינען דערפון.

נו, מ׳ען דאַרף זאָגן דעם אמת, זאָגט ש״ע וועגן זיך, אַז קיין גאָר שלעכט יינגל בין איך ניט געווען, און לערנען האָב איך זיך געלערנט בעסער פון אַלע קינדער, נאָר פּעטש, קולאַקעס, מיט קלעפּ מיט שמיץ, ניט פאַר אייך געדאַכט, האָב איך געקראָגן מער פון אַלע.

אָט וועט איר זען, יידן, אַז פון דעם קינד וועט קיין גוטס ניט אַרויס! דאָס וואַקסט עפּעס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס, אַ סאַמאַוואָלעץ, אַ זולל וסובא־ניק, אַן איוואַן פּאַפּערילע, אַן אויסוורף, אַ משומד און אַ כל־בוניק, און וואָס אין דער קאָרט! — אַזוי האָט אים אַטעסטירט זייער פרומע, געטרייע דינסט אין הויז.

ס׳איז פון גרויס וויכטיקייט אונטערצושטרייכן, אַז אין שלומס יינגלשע יאָרן האָט געשפּילט אַ גוואַלדאָוונע (גוואַלדי־קע) ראָליע זיין חבר שמואליק, אַ יתום. די צוויי יינגלעך פלעגן זיך פאַרקלייבן ערגעץ אין וואַלד און דער יתום פלעגט אים דערציילן וווּנדערלעכע מעשיות. ער פלעגט אים אינגאַנצן פאַרכישופן. דער כח פון דעם יתומס פאַנטאַזיע איז געווען

אַזוי שטאַרק, אַז שלום פלעגט אַרומגיין טאָג און נאַכט ווי אין אַ חלום.

שלום עליכם, האָט אַפילו זיין יוגנט־חבר, דעם יתום שמוליק, געווידמעט אַ באַזונדער קאַפּיטל.

ענלעכעס געפינען מיר אויך ביי גאָרקין אין זיין קינדהייט, ווו די באָבע זיינע פלעגט אים פאַרכשופן מיט אירע וואונדער־באַרע מעשיות, וואָס דאָס האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויף גאָרקיס וויטערן אַרט לעבן און דענקען.

און שלום עליכם זאָגט טאַקע, צי האָט זיך דעם אָרעמען יתומס וואונדערלעכע מעשיות זיך ווען אָפּגערופן נאָכדעם אין די שרייבעכצן, בעת שלום נחים וועוויקס, איז געוואָרן שלום עליכם — דאָס איז שווער צו זאָגן. אָבער איין זאַך איז זיכער: זיין פאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רייכער, זיין השגה ברייטער. און שמואליקס חלומות האָט ער געטראָגן ביי זיך אין האַרצן אַלעמאָל. אפשר אין אַן אַנדער פאָרם, אין אַנדערע געשטאַלטן, נאָר ער האָט זיי געטראָגן דאָס גאַנצע לעבן.

און די נבואה פון זייער פרומער דינסטמויד, אַז דער יונג, וועט אויסוואַקסען אַ גאַרנישט, אַ טויגעניכטס און וואָס אין דער קאָרט, פאַרשטייט זיך איז ניט מקוים געוואָרן.

ס'איז גיכער מקוים געוואָרן די נבואה פון דעם יידן, וואָס פלעגט פאַרקויפן דעם טאַטן אַ נומער פאַר דעם גרויסן געווינס.

— איר ווייסט גאָרניט, ר' נחום, וואָס פאַר אַ פרי דאָס איז! שטראָף מיך גאָט אויב איר ווייסט! פון אים וועט עפּעס אויסוואַקסען, אָט וועט איר זען, וואָס פון אים וועט אויסוואַקסן! קום נאָר אַהער, דו שייגעץ איינער, לאָם איך דיך שייבקן כאָטש נאָך אַ רעכטן קניפּ אין דיינע רויטע פּאַמפּושקעס, אַ רוח אין דיין פאָרענט און מיטן אַריין.

ס'איז שווער צו געפינען נאָך אַ שרייבער, וואָס האָט אין זיינע ווערק אַזוי וויניק אויסגעטראַכט און צוגעטראַכט ווי שלום

עליכם. מיט יעדער אָנגעשריבענער שורה איבערצייגט ער דעם לייענער, אַז:

— דער מענטש, וואָס גייט מיך אָן פאַרמאָגט אַליין אַלע נויטיקע פאַרבן און שטריכן פאַר אַ קאָמפּאָזיציע. כדי צו פאַרהיטן אים פון אַלע בייזוויליקע ליטעראַרישע צוגעבעכצן, לאָז איך אים אַליין ריידן. — און ווער נאָך האָט געהאַט אַזאַ מזל ביים יידישן עולם, אַזוי באַליבט צו זיין ביי אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק, ווי שלום עליכם.

ווען מיר ווערן פאַרמאָגן אַן אמת־יידישן זשאַנער־מאַלער, און ער וועט האָבן אַ געפיל פאַר אידיליע און הומאָר, זאָגט ערגעץ ניגער, בין איך זיכער, אַז איינס פון זיינע חנעוודיקסטע בילדער וועט אונז ווייזן, ווי אין אַ באַלעבאַטישער שטוב, וואו אויף די ווענט הענגען פאָרטרעטן פון ווילנער גאון, משה מאָנטעפיאָרע און פון דר. הערצל, אַרום אַ גרויסן טיש און אַלטמאָדישן ירושה סאַמאָוואַר, זיצן אין פאַרשידענסטע פּאָזעס יידן מיט און אָן בערד, איינער אין אַ יאַרמולקע, ווייבער אין פאַרוקן און מיט די אייגענע האָר, און ווייבער אין מאָדע־פריזורן און קינדער פון פאַרשידענעם עלטער, רויקע און שטיפער — זיצן און הערן זיך איין, ווי איינער פון די יונגע — אַוודאי אַן איידעם אויף קעסט, לייענט אַ שטיקעל שלום עליכם. דער אַלטער, אין דער יאַרמולקע, — זאָל עס זיין אַ זיידע? האָט אויפגעהויבן די אויגן מיט די ברילן פונעם דיקן ספר, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט. אין טיר פון אַ זייטיקן צימער האָט זיך פּלוצים באַוויזן, אַ יידיש טעכטערל, אַ גימנאַזיסטין, מיט אַן אָפענעם גויאיקן לערנבוך אין האַנט, און דאָרט, פון ווייטען ביי דער קיך־טיר שטייט אַ פאַרזיכטיקע, גרייט צו אַנטלויפן, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און אַן אָפענעם מויל — די יידישע דינסט . . .

אַלע, פון קליין ביז גרויס, פרום און ניט־פרום, משכיל און אָרטאָדאָקס, מאַנסביל און פרויענצימער, די באַלעבאָסטע און די

דינסט, דער באַלעבאָס און זיין אָנגעשטעלטער, אָרעם און רייך — אַלע פילן אַ טעם אין שלום עליכמן. יעדן האָט ער עפּעס צו דערציילן, איטלעכן פּאַרטרייבט ער די צייט און די מחשבות.

און פּונקט אַזאַ בילד מאָלט אונזער פאַרשטאָרבענער דיכ־טער ווינפער, ווען ער האָט אַלס יינגל אין הויז פון זיינע עלטערן פאַרגעלייענט די דערציילונג „דאָס פאַרכישופטע שניידערל“, און דאָס גאַנצע הויז־געזינד האָט געקייכט פון געלעכטער, און די פרומע טאַטע־מאַמע האָבן הנאה געהאַט.

ווער נאָך האָט אַזוי אַריינגעדרונגען אין אַלע יידישע היי־זער, געוואָרן אַ היימישער און שטענדיק אָנגעלייגטער גאַסט אויף שמחות, אויף צונויפקומענישן? מ'יט אַ שטיקעלע שלום עליכם האָט מען מכבד געווען די געסט, מיט שלום עליכמען האָט מען משמח געווען דעם עולם, סיי דעם פּראָסטן, סיי דעם אויפגעקלערטן. ווייל אין אַלע זייבע ווערק האָט שלום עליכם אַריינגעפּלאָכטן, אַריינגעוועבט שטיקער לעבנס פון מיר, פון אייך, פון אונזערע עלטערן, קרובים. צאַפּלדיקע פאַרשווינען, אמתע פּאַסירונגען און מייסטעריש געמאָלן זיי. און אומעטום מיט טיפער ליבע און באַגייסטערונג פון דעם עמך־מענטש, פאַר זיין פּשטות, פאַר זיין ערלעכקייט, פאַר זיין האָרעפּאַשנעקייט, און מיט אַ האַס פאַר דעם געלט־זאַק, פאַר דעם אויפגעבלאָזע־נעם, פאַר דעם עקספּלואַטאַטאָר, פאַרן קאָכלעפל, פאַר דעם שטאָט־באַלעבאָס און גאַטס־סטראַפּטשע.

אָט אַזוי, צום ביישפּיל, ווי אין דער דערציילונג „געגנדז“, די אידענע וואָס שטאָפּט אויף פּסח געגנדז פאַר די גבירישע באַ־לעבאָסטעס פאַר שמאַלץ אויף פּסח:

„ווען איך זאָל זיין אַ מאַנסביל“, זאָגט זי, „וואָלט איך זיך מיט די גבירים געדעכנט! אוי, וואָלט איך זיך געדעכנט! איר מיינט איך האָב עפּעס צו זיי? איך האָב צו זיי גאָרנישט,

נאָר איך האָב זיי פֿיינט. איך האָב פֿיינט אַ גביר, אַ נגיד און אַ שפּין — גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן . . .

און דערפֿאַר איז טאַקע צווישן די יידישע קלאַסיקער שלום עליכם געווען דער באַליבטסטער. אים האָט געלייענט אַ סך אַ ברייטערע מאַסע, איידער פּרצן, אָדער אַפּילו מענדעלע מוכר ספרים. ער איז נאָך ביז היינט צו טאָג איינגעבאַקן אין האַרצן ביי גרעסערע מיליאָנען פֿאָלקס־מענטשן, איידער די אַנדערע צוויי פֿון דער גרויסער טראַיקע. יענע האָט מען אפשר מער גע־שעצט, מיט אים אָבער האָט מען זיך מ׳ער געקוויקט. יענע זיי־נען געקומען פֿון אויבן, אַזוי צו זאָגן, מיט טייטל און מיט אַ מיין. שלום עליכם איז, דוכט זיך, ניט געקומען פֿון ערגעץ, ניט פֿון אונטן, ניט פֿון אויבן: ער איז געווען מיט דער מאַסע, אַקו־ראַט ווי ער וואָלט מיט איר געבוירן געוואָרן, מיט איר און מיט אירע עלטערנס עלטערן, אַקוראַט ווי ער וואָלט מיט איר אויס־געוואָקסען, ביין פֿון איר ביין, פֿלייש פֿון איר פֿלייש.

טאַקע דערפֿאַר האָט דער יידישער פֿאָלקס־מענטש זיך געפֿילט אַזוי גוט מיט שלום עליכמען: ס׳האָט זיך באַקומען, אַז ניט שלום עליכם רעדט, נאָר טאַקע דער פֿאָלקס־מענטש אַליין: פֿאַניע שלום עליכם איז געווען אויסגעקניפּט און אויס־געבונדען מיטן אַלטעגלעכן לעבן פֿון דער מאַסע — אַליין אַ טייל, אַן אָנטיילנעמער, אַליין אַ ליידער און אַ טראָגער.

ווי זאָגט דאָרט די יידענע אין שלום עליכמס דערציי־לונג: „גיטל פּורישקעוויטש״:

זי, די באַרעדעוודיקע, זאָגט צו שלום עליכמען: „אָט דאָס זענט איר אַליין טאַקע, אָט־דער שלום עליכם, וואָס שרייבט? שרייבט־זשע טאַקע, די האַנט זאָל אייך גאָרניט וויי־טאָן שרייבנדיק. די גאַנצע שטאָט זאָלט איר באַשרייבן, פֿון אויבן ביז אַראָפּ! נשקשה, זיי האָבן עס כשר פֿאַרדינט. און דער־הויפּט די נגידים, די מיוחסים פֿון גאָט, וואָס האָבן זיך איינגע־

רעדט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון זייערטוועגן. מיר דאַרפן האָרעווען און פאַרשוואַרצט ווערן", א. אַז. וו.

און איינער אַ ייִד זאָגט ביי שלום עליכמען:

„איך האָב ליב רעדן מיט אַ לעבעדיקן מענטשן, און צוליב דעם טאַקע האָב איך גענומען אַ בילעט דריטע קלאַס, איך זאָל האָבן מיט וועמען צו רעדן".

מענדעלע מוכר ספרים איז אַרומגעפאָרן בכל תפוצות ישראל מיט אַ ביידל — אָבער זיצנדיק אויף זיין קעלניע, האָט ער אַרויסגעשטעקט מיט עטלעכע קעפּ העכער פון דער מאַסע. ער האָט זי געלערנט, געזאָגט מוסר.

פּרץ, האָט קיינמאָל ניט געקענט און ניט געוואָלט אָפּווישן פון זיינע ווערק דעם שטעמפּל פון קאַבינעט, פון אינטעליגענטישע קאָפּ־אַרבעט.

שלום עליכם האָט דעם יידישן מאַסן־מענטש געטראָפן אין גאַס, אין וואַגאָן, אין קאַסרילאָווקער האָטעל, אויף דער שטעטל־דיקער חתונה, אויף דער יעהופּעצער בירזשע, אין לעמבערג אויף דער אימיגראַנטן־סטאַנציע, אויף דער שיף, וואָס פירט צום גאָלדענעם לאַנד.

מענדעלע מוכר ספרים שרייבט אָפּט: „אמר מענדעלע מוכר ספרים", זאָגט מענדעלע מוכר ספרים.

שלום עליכמען פרעגן יידן: „וואָס מאַכט אַ ייד, ר' שלום עליכם, איר חידושט זיך, פּאַניע שלום עליכם, אויף טביהן, וואָס מען זעט אים ניט? עך־עך־עך! ווען איר זאָלט וויסן מיט וואָס פאַר אַ צרות, מיט וואָס פאַר אַ ווייטאָגן אָט דער טביה טראָגט זיך אַרום!"

און שלום עליכם הערט און שלום עליכם ווייסט, און דורך שלום עליכמען רעדט די מאַסע זיך אויס איר פאַרביטערט האַרץ.

פונוואַנען נעמט זיך עס אַזאַ גרויסע ליבשאַפט פון אַ גאַנצן פאָלק, אַזאַ גרויסע פאַרערונג צו אַ שרייבער, וואָס נאָך קיינער

ביז אים האָט עס זוכה געווען? דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט גענומען שטיקער רוי־לעבן און פאַרווענדט זיי אין זיינע ווערק. ער האָט גענומען שטיקער „כראָניק", טרויעריקע פּאַסי־רונגען און זיי פאַרווענדט אין זיינע מעשיות. ער האָט אין זיינע מאָנאָלאָגן אַריינגעבראַקט צאַפּלדיקע געשיכטן. עס איז ניט געווען ביי אים קיין דיסטאַנץ צווישן לעבן און שאַפן. ער האָט דאָס טעגלעכע, דאָס צייטלעכע געקענט פאַראייביקן, צוגעבן זיי אַ דויערנדיקן באַדייט.

און דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס שלום עליכם האָט שטענדיק געזען דעם פאָלקס־מענטש, פאַרגלעט זיינע קנייטשן אויף זיין פאַרומערט געזיכט און מיט פרייד אַרויסגערופן ביי אים אַ שמייכל, אַ געלעכטער.

פריילעכע געשיכטעס, פריילעך דערציילן, קאָנען אויך אַנ־דערע, אָבער קיינער, אַחוץ אים, קאָן נישט נעמען אומעטיקע, אָפט אַפילו לאַנגווייליקע מעשיות און דערציילען זיי אַזוי, אין אַזאַ טאָן, מיט אַזעלכע ווערטער, אַז מיר זאָלן הנאה האָבן, לעקן די פינגער און גאָרנישט טראַכטן שוין וועגן דער עצם זאַך, און גאָרניט פרעגן קיין קשיות, אַזוי ווי עס פרעגט ניט קיין קינד, ווען מען דערציילט אים אַ מעשהלע. די טרויעריקסטע געשיכ־טעס, וואָס ער דערציילט אונז פון יידישן לעבן (און דערציילט אונז דאָך שטענדיק כמעט טרויעריקע געשיכטעס), רופן אַרויס ניט קיין זיפץ פון טיפן האַרצן, נאָר אַ שמייכל אויף די ליפּן און אָפט גאָר אַ ברייטן געלעכטער. ער קאָן שטענדיק אַריינטאָן אין זיין דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט דעם שמערץ ווייכער, שטילער, אָדער עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרשטעלט אים פון אונז, וואָס מאַכט, מיר זאָלן אים פאַרגעסן.

שלום עליכם האָט געבראַכט שמחה, מונטערקייט, נחת־רוח מיט זיינע ווערק, און דערפאַר האָט אים דאָס פאָלק אַזוי ליב, אַזוי האַרציק ליב. און דערפאַר האָבן אים אויך אַזוי ליב קינדער.

ער איז דאָך אויך דער באַליבטסטער שרייבער פאַר קינדער, ניט נאָר מיט זיינע קינדער־מעשיות, מיט זיין וואונדערבאַרער גאַלעריע פון קינדער־געשטאַלטן, נאָר בכלל מיט אַלע זיינע געשיכטעס, וואָס האָבן אין זיך אַזוי פיל האַרציגקייט, אַזוי פיל פשטות, אַזוי פיל גוטמוטיגקייט.

שלום עליכם האָט מיט זיינע קינדער־דערציילונגען אַריינגעטראָגן אין דער יידישער ליטעראַטור גאָר אינגאַנצן אַ נייע לופט.

„קינדער", זאָגט ש. ניגער, „האָט אייך דער זיידע, מענדעלע, ליב געהאַט, אָבער אין גלופסק און אין קאַבצאַנסק, זעט ער ניט קיין קינדער, נאָר קליינע יידעלעך, קינדער אָן אַ קינדהייט, קינדער, וואָס זייער יוגנט איז פאַרגאַנגען געשווינדט, אָפּגעבליט גיך, און זיינען נאָך קינדורייז געוואָרן יידעלעך, דערשלאָגן, פאַרטראַכט, מיט פאַרזאָרגטע פנימער און מיט אַלע פאַסטעמקעס פון גרויסע באַווייבטע יידן. עס האָט זיי נאָר געפעלט בערדלעך".

און ניט נאָר מענדעלע. אויך פּרץ זעט נאָר בלאַסע, גרינע, געלע און איינגעריכטע פנימלעך (אין „ל"ג בעומר") פון יידישע קינדער.

אָבער שלום עליכם האָט אונז געוויזן, אַז ער שפּירט דעם לעבעדיקן, לוסטיקן קוואַל, וואָס שלאָגט אין זייערע הערצער. ער איז געווען גרייט אַליין זיך אָפּצוטונקן און אָפּפרישן זיך אין אָט דעם חיותדיקן קוואַל, אין דעם קינדערשן געלעכטער, אין דער קינדערשער זאָרגלאָזיקייט.

און ער לאַכט מיט זיי אינאיינעם. ער איז מער אַ זייערעקער, ווי אַן אונזעריקער:

„הערט יידישע קינדער, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ מעסערל, ניט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר אַן אמתע, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט מיר אַליין . . ."

אָדער: „טרעפט קינדער, וואָסער יום־טוב איז דער בעס־טער פון אַלע ימים טובים? חנוכה!" אָדער: „קינדער, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ פאָן . . ."

מען דאַרף האָבן אין זיך עפּעס קינדישעס, כּדי צו קאָנען זיך אויפריידן מיט קינדער אַזוי פּראָסט, אַזוי איינפאַך. מען דאַרף נאָך אַליין אין זיך פילן דעם ייִנגל.

„און ווער ווייסט", זאָגט ניגער, „צי עס איז ניט קיין עולה פון אונז, דערוואַקסענע, וואָס מיר האָבן צוגענומען ביי זיי, ביי די קינדער שלום עליכמען. ווער ווייסט, צי ער האָט ניט באַדאַרפט שרייבן פאַר זיי, נאָר פאַר זיי".

שלום עליכם האָט אַריינגעקוקט אין די שפּאַרונעס פון די סאַמע אָרעמסטע ייִדישע וווינונגען. אָט רעדט ער און פאַר־בריינגט מיט דער ייִדישער אָרמשאַפט און מיט אירע קינדער. אָט גנבעט ער זיך אַריין אין די גראַמע צימערן פון אַ ייִדישן גביר, קוקט זיך צו צו זיין לעבן־שטייגער, צעלייגט עס נאָכדעם אויף טעלערלעך און טראָגט עס אַרויס פאַר דער גאַנצער וועלט. און דער לייענער? ער האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון שלום עליכמען:

„אוי, אַ מאַרשעלעק! אוי, אַ טרייפענער פּיסק! אַ ימח־שמוניק! אַי אַ שלום עליכם!"

נאָך מיט אַ פופציק יאָר צוריק, אינעם דעמאָלדיקן ייִדישן „פאָלקס־בלאַט", ווו שלום עליכם האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע ערשטע פעליעטאָנען, קורצע דערציילונגען, האָבן די מיושבדיקע שרייבער פון יענער צייט געקרימט מיט די נעז און גערעדט מיט פאַרדראָס אויף דער שקאָצעריי, פון שלום עליכמען:

„ס'געהערט אַביסל אַ שמחה אויף אים! ייִדן ווערן אויס־געריסן — און ער מיט זיין געלענדער, אַ שקאָצעריי, וואָס עס גיט ניט . . ."

און דער יונגער שלום עליכם, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס

פאָלק ניט ווייניקער פון זיי, ענטפערט מיט אַ ניט־געמאַכטער תמימות:

„וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס קומט צום שרייבן, עס מעג זיין דער סוזשעט טרויעריק ביז גאָר, מאַכן מיך די בילדער, די, וואָס איך זע אין געוויין, לאַכנדיק? וואָס זאָל איך טאָן, אַז לאַכן איז ביי מיר אַ מין חלאת פון קינדווייז־אָן?"

פון אַלע זיינע ווערק שלאָגט אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון פרייד. אָט הויבט ער אָן אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך פון „יריד", אַדורכצופירן זיין שטעטל וואראנקאַ־קאַסרילאָווקע, ער שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשידענע מעשיות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן שטעטל, און ער כאַפּט זיך גלייך:

„איך וויל ניט אַזוי ווייט גריבלען זיך, ווייל איך האָב פיינט טרויעריגע מעשיות".

אַן אַנדערש מאָל זאָגט שלום עליכם וועגן זיך אין זיין שרייבן:

„פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב אָנצוקוקן יענעם בשעת אַן אומגליק, אַריינקוקן יענעם גלייך אין פּנים אַריין, דווקא בשעת יענער וויינט, נאָכקוקן יענעם, ווי אַזוי ער גייט נאָך דער לויה, זיך צוקוקן ווי יענער ברעכט די הענט, שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט וכדומה. איך האַלט ניט פון אַזעלכע סצענעס. לאָז מען זאָגן וואָס מען וויל, איך האָב פיינט טרויעריקע בילדער. מיין מוזע טראָגט ניט קיין שוואַרצן שלייער אויפן פּנים; מיין מוזע איז אַן אָרעמע, נאָר אַ פריילעכע".

אָט טאַקע פון דעם נעמט זיך די גוט־ברודערשאַפט פונעם פאָלק צו שלום עליכמען, די היימישקייט, מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט געפילט מיט אים.

און בפרט נאָך דער נאָמען אַליין: שלום עליכם, אַזאַ גוט־ברודערישער נאָמען, וואָס מיט אים שליסט מען באַקאַנטשאַפט, מיט יעדן זייטיקן און פרעמדן; דורך אים גיט מען דעם ערשטן

וואַרעמען בליק אין יענעמס אויגן, און מען טוט דעם ערשטן היימישן דרוק פון דעם צווייטנס האַנט. שלום עליכם, שלום עליכם, און עס פּאַרקניפּט זיך גלייך אַ שמועס.

און נאָך דאָס סאַמע וויכטיקסטע:

אַ גאַנץ פאָלק איז געקומען דורך שלום עליכמען צום וואָרט. עס האָט באַקומען לשון און נאָך וואָס פאַר אַ מין לשון, אַ מחיה־הדיקס!

לייענען מיר שלום עליכמס מעשיות — אַלץ איינס וואָסער — האָבן מיר דעם באַגריף, ווי דאָס פאָלק וואָלט געווען ביז אַהער פאַרשטויסן, אָפּגערוקט אין אַ זייט, אין אַ ווינקל, און געשעמט זיך אַרויסצורעדן אַ וואָרט. האָט שלום עליכם ווי פונאַנדערגעבונדן די צונג. צוגעשטעלט אויג און אויער פאַר זיינע רייד, און דאָס פאָלק האָט באַקומען קוראַזש, גענומען רעדן. עס רעדן ביי אים יידן און יידענעס; עס רעדט באַלעבאָס און באַלעגאָלע, עס רעדט מנחם־מענדל, עס רעדט שיינע שיינדל, עס רעדט מאָטל פּייסי דעם חזנס, עס רעדט טביה, עס רעדן טביהס טעכטער. הכלל, עס רעדן אַלע אָן אויסנאָם. זיי רעדן און רעדן און קאָנען זיך זאַט ניט אָנרעדן.

„געוועזן אַ ייד אַ פּשוטער״, דאָס איז די ערשטע שורה פון אַן אויפשריפט אויף זיין אייגענער מצבה, וואָס שלום עליכם האָט אין 1905, אין סאַמע ברען פון זיין לעבן און שאַפן, אויפגעשריבן. אין אָט די ווערטער האָבן מיר די אמתע כאַראַקטעריסטיק פון שלום עליכם — שלום עליכם דעם מענטש און שלום עליכם דעם שרייבער.

„געוועזן אַ ייד אַ פּשוטער״ — און זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשריבן פּשוט, פּראָסט, גוט־ברודעריש, היימיש און יידישלעך.

ווער עס קלעטערט אויף הויכע הויכן, ווער עס לאָזט זיך נידערן אין טיפע טיפענישן, אָבער שלום עליכם איז שטענדיק געגאַנגען מיט דעם ברייטן שליאַך. אין זיינע ווערק האָט ער

כסדר מיטגעלעבט מיטן מאַסן־מענטש, מיטגעלאַכט, מיטגע־שטיפט, מ׳יטגעטרויערט. ער איז שטענדיק געווען אין סאַמע גערודער פון דעם קאָכעדיקן לעבן.

און ווי זיינע מענטשן, אַזוי שלום עליכם אַליין — אַ קוואַל. וואָס הערט גאָרניט אויף צו שלאָגן. וויפיל ער שרייבט ניט, אַלץ מער ווילט זיך אים שרייבן. ער ווערט גאָר ניט מיד און אויסגע־שעפּט, און ער שרייב שטענדיק, ביי יעדער געלעגנהייט, און וויפל ער זאָל ניט שרייבן האַלט ער אַלץ פון פאָרענט.

זאָגט טאַקע שלום עליכם וועגן זיך אין זיין אויטאָביאָגראַ־פיע: „אַז איך קען שרייבן צו יעדער צייט, אויף יעדן אָרט און ביי אַלערליי אומשטענדן: אין סאַלאָן, אין קיך, אין וואַגאָן, אין רעסטאָראַן, אַפילו פאָרנדיק אויף אַ פור, און אויך ליגנדיק אין בעט״.

„רבונו של עולם״, רופט אויס שלום עליכם, „אַזאַ מאַסע טעמעס און סוזשעטן! וואָלט נאָר געווען פרייע צייט, און וואָלטן נאָר מענטשן געלאָזט שרייבן״.

געדענקט איר דעם אָנהייב פונם צווייטן אַקט אין „דאָס גרויסע געווינס״? שימעלע סאָראָקער, ווען ער ווערט אַן עושר, זיצט ביי זיך אין זאַל אויף אַ שטול, ער איז פאַרטאָן אין עפּעס אַ בוך. עטי־מעני, די פריש־געבאַקענע גבירטע, פרעגט שימעלען וואָס ער טוט. ענטפערט שימעלע סאָראָקער:

„איך לייען אַ געשיכטע.

„וואָס פאַר אַ געשיכטע לייענסטו?״ פרעגט עטי־מעני.

דערקלערט שימעלע: „איך לייען אַ קריטיק פון איינעם אַ ליץ, וואָס מאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט, און הייסן הייסט ער שלום עליכם״.

ווערט עטי־מעני אויפגעבראַכט:

„שלום עליכם . . . וואָס האָט ער צו דער וועלט?״

ענטפערט איר שימעלע סאָראָקער:

„צו דער וועלט האָט ער גאָרניט, נאָר ער באַשרייבט דאָ איינעם אַ שניידער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, און איז מיטאַמאָל, איבערנאַכט געוואָרן אַ גביר . . . לעצעוועט ער פון אים אָפּ און פון זיין ווייב. אַ רעכטער ממזר, און אמתער עמך, ער מאַכט פון זיי ביידן אויסצודרייען, נאָר פון איר, פון דער שניידערין, מאַכט ער אַ לעמעשקע, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין !"

און עטי־מעני גיט צו פון איר זייט צו שימעלעס קללה:

„מאַכן זאָל זיך אים אַ מכה, טפו! איך וואָלט אַזאַ פּאַס־קודסטוואָ אין די הענט ניט געהאַלטן."

און אויף וויפיל זיין שרייבן איז געווען טיף איינגעבאַקן אין זיין האַרצן, אויף וויפיל די געשטאַלטן זיינען געווען אייגן און נאָענט אים, איז צו זען פון דעם, ווי אָפטמאָל רופט שלום עליכם זיך אָן מיט די נעמען פון זיינע הויפּט־העלדן, דערהויפּט די נעמען מנחם מענדל און טביה. מנחם מענדל און טביה — אָט די צוויי קאָנטראַסטן — זיינען באמת גרונט־עלעמענטן פון זיין כאַראַקטער, שטיקער פון זיין אייגענעם איך.

שלום עליכמען איז אָפטמאָל גרינגער געווען צו באַצייכע־נען באַשטימטע מאָמענטן אין זיין לעבן, כאַראַקטעריזירן אָן אייגענעם געמיט־צושטאַנד מיט דער הילף פון זיינע פאַרשוינען מנחם מענדל און טביה.

ניט איינמאָל פירט שלום עליכם בכיוון צונויף אָט־די צוויי קעגנזעטלעכע טיפּן, כדי אַזוי אַרום שאַרפער צו זען יעדן איי־נעם באַזונדער מיט זיין אַרט פילן און אויפנעמען זאַכן. טביה באַשולדיקט אָפט מנחם מענדלען, אָבער ער באַדויערט אים אויך ניט זעלטן. טביה רופט אָן אַמאָל מנחם מענדלען: „אַ פליער, אַ ברענער, אַ לויפער, אַ דרייער, אַ נעכטיגער טאָג." אָן אַנדערש־מאָל רעדט ער וועגן אים מיט רירענדיקע ווערטער. ס'איז קלאָר, אַז שלום עליכם האָט זיי ביידן געשעפּט פונעם אייגענעם קוואַל.

דאָס וואָכנדיקע און דאָס יום־טובדיקע, דעם הו־האַ און די גוט־מוטיקייט, דעם צעטראָגענעם מנחם מענדל און דעם באָדן־פעסטן טביה, געוויס האָבן אין שלום עליכמען גופא אָפט געקעמפט אָט די צוויי באַזונדערע ווידערשפּרעכנדיקע כוחות.

טביה דער מילכיקער איז אַלוועלטלעך. אָט דער האָרע־פּאַשנער טביה, וואָס איז אי קלוג, אי מענטשלעך, מיט אַזוי פיל ליבע און אַזאַ גוט האַרץ און וואָס האָט געקענט אַזוי פיל פאַר־געבן.

עס טרעפן אים אומגליקן אויף אומגליקן, און מיר האַלטן זיך איין און באַליידיקן אים ניט מיט אונזער קליינעם רחמנות־געפיל, ווייל מיר זעען, אַז די צרות דערשלאָגן אים ניט, דערני־דעריקן אים ניט, נאָר פאַרקערט, זיי מאַכן אים נאָך טיפער און מענטשלעכער.

און ווען מיר הערן זיינע גערעכטע טענות צו דער וועלט, צום רבונו של עולם, ווי אַשטייגער:

„ווו שטייט עס געשריבן", פרעגט ער דעם רבונו של עולם, „אַז טביה באַדאַרף האָרעווען פון זייערטווועגן, אויפ־שטיין גאַנץ פרי, ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, וואָס איז? בכדי זיי זאָלן האָבן פונקט צו דער קאַווע אַ פריש שטיקל קעז? און פוטער?

„ווו שטייט עס געשריבן, אַז איך בין מחויב אויסגעריסן ווערן צוליב אַ שיטערן קרופּניק, און זיי, די יעהופּעצער נגידים, באַדאַרפן אויסרוען די ביינער אויף די דאַטשעס?"

איז ווען מיר הערן זיין פּראָטעסט, וואָס קומט פון זיין אָנגע־ווייטאָקט האַרץ, ווערט ער אונז אייגענס, ווערט ער אונז נאָ־ענט און מיר טיילן צוזאַמען מיט אים זיין ווייטאָק.

מאָטל פּייסי דעם חזנס, פאַרנעמט אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט אין שלום עליכמס ליטעראַרישער ירושה.

אין מאָטל פּייסי דעם חזנס, האָט שלום עליכם אויסגעקליבן

אַ קינד, וועלכן ס׳איז גוט, ווייל ער איז אַ יתום, אָבער וועלכער איז אין דער זעלבער צייט אַ קונדס פון קונדס־לאַנד.

נאָר וואָס איז די גוטסקייט מיט אים? דאָס גאַנץ לעבן זיינס איז אַזוי שווער, אַזוי אָרעם, יעדער זאַך קומט אים אָן מיט אַזוויי פיל עינויים, שוועריקייטן, באַליידיגונגען, אַז דאָס וואָס זיין טאַטע פייסי דער חזן, שטאַרבט, און ער, מאָטל, ווערט אַ יתום, וועלכן ס׳איז אַ רחמנות צו שלאָגן — איז שוין פאַר אים אויך אַ גרויסער געווינס.

„דיין גליק וואָס דו ביזט אַ יתום", זאָגט צו אים לייבקע דער וואַסערפירער, ביי וועלכן מאָטל האָט אַרויסגענומען צאַפּן, „אַ ניט וואָלט איך דיר איבערגעבראָכן אַ האַנט מיט אַ פוס. מעגסט מיר גלויבן אויף נאמנות."

„איך גלויב אים אויף נאמנות. איך ווייס, אַז איצט וועט ער מיך ניט אָנרירן, ווייל איך בין אַ יתום. מיר איז גוט. איך בין אַ יתום . . ."

נו, ער האָט אים שוין, מאָטלען, געבראַכט קיין אַמעריקע, מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע, און מאָטל גרינט זיך אויס פריער פון אַלעמען. וואָס קען פון אים דאָ ווערן אין אַמעריקע?

אָבער מאָטל פייסי דעם חזנס איז געבליבן אַ יתום, אַ יתום פון טאַטן, פייסי דעם חזן, און אַ יתום פון גרויסן גייסט, וואָס האָט אים געשאַפן. די געשיכטע פון מאָטל פייסי דעם חזנס, איז ניט געבליבן ניט פאַרענדיקט, ווייל אין מיטן אַרבעט און אין מיטן לעבן איז אַוועקגענומען געוואָרן דער מייסטער.

אַ סך מאָל דערציילט שלום עליכם, האָבן מיך מיינע גוטע פריינט אויפגעפאָדערט צו שרייבן מיין ביאָגראַפיע.

„ס׳איז שוין צייט", זאָגן זיי. האָב איך געטראַכט און אפשר זיינען זיי גערעכט.

„האָב איך צו מיר אַזוי געזאָגט: כאַפּ אַריין און שרייב וואָרעם קיינער ווייסט ניט וועמעס מאָרגן עס איז. דו

וועסט מאַכן אַ שטאַרב, וועלן קומען מענטשן, וואָס מיינען, אַז זיי קענען דיך און ווייסן דיך, און וועלן אויסטראַכטן זאַכן, וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. צו וואָס טויג עס דיר? נעם זיך שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיין בעסער פון אַלעמען, און דערצייל ווער דו ביזט, שרייב דיין אויטאָביאָגראַפיע. דאָס הייסט, איך, שלום עליכם, דער שרייבער, וועל אייך דערציילן די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון שלום עליכם דעם מענטשן, אָן צע־רעמאָניעס, אָן באַפּוצונגען און אָן צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערציילט, למשל, אַ זייטיקער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט אים אומעטום, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַלע שבעה מדורי גיהנום.

אָבער דאָס ווערק פון זיינע ווערק, זיין לעצט בוך „פונם יאַריד״, איז ניט פאַרענדיקט געוואָרן, עס איז איבערגעהאַקט געוואָרן אינמיטן, פונקט ווי שלום עליכם אַליין איז אַוועקגעריסן געוואָרן אין סאַמע מיטן.

און אין דער ווידמונג צו זיינע קינדער, וואָל שלום עליכם האָט אָנגעשריבן, ווי אַ פאָרוואָרט צו זיין ווערק „פונם יאַריד״, אין פעברואַר, 1916, צוויי חדשים פאַר זיין טויט, שרייבט שלום עליכם אָט די מערקווירדיקע ווערטער:

„איך ווידמע אייך דאָס ווערק פון מיינע ווערק, דאָס בוך פון מיינע ביכער, דעם שיר השירים פון מיין נשמה. איך ווייס, אַז מיין בוך איז, ווי יעדעס מענטשענס ווערק, ניט ריין פון חסרונות, נאָר ווער נאָך ווייס אַזוי ווי איר, וואָס עס קאָסט מיך? איך האָב אַוועקגעגעבן און אַריינגעלייגט אין דעם דאָס בעסטע וואָס איך פאַרמאָג — מיין האַרץ. לייענט דאָס פון צייט צו צייט, אפשר וועט איר, אָדער אייערע קינדער, דערפון עפּעס לערנען — ווי אַזוי ליב צו האָבן אונזער פאָלק און צו שעצן זיינע

גייסטיקע אוצרות וואָס ליגן צעוואָרפן אין אַלע פּינקטערע ווינקעלעך פון אונזער גרויסן גלות אויף דער גרויסער וועלט. דאָס וועט זיין דער בעסטער לוין פאַר מיין געטרייער אַרבעט אויפן פעלד פון אונזער מאַמע־לשון און ליטעראַטור.״

און דער שיר השירים פון זיין נשמה, דאָס גראַנדיעז ווערק, וואָס שלום עליכם האָט זיך פאַרמאָסטן און וואָס האָט באַדאַרפט אַרומנעמען זיין גאַנץ לעבן, און האָט, ווי זיין איידעם בערקאָוויץ זאָגט: ״געזאָלט האַלטן 10 בענד—איז ניט מקוים געוואָרן.״

און דאָס סאַמע וויכטיקסטע און ריכטיקסטע וואָרט: וואָס מען קען זאָגן וועגן שלום עליכמען און זיין שרייבן איז:

ער האָט פאַרמאָגט די וואונדערבאַרסטע פשטות, פאָלקס־חן, פאָלקסטימלעכקייט, דערפאַר זיינען אַזוי עכט און נאַטירלעך די ווערטער וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין זיין צוואה עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט:

״ווו איך זאָל ניט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן ניט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים, אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע יידן, אַרבעטער, מיטן אמתן פאָלק. אַזוי, אַז די מצבה, וואָס מען וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אויף מיין קבר, זאָל באַשיינען די איינפאַכע קברים אַרום מיר, און די איינפאַכע קברים זאָלן באַפּוצן מיין מצבה, אַזוי ווי דאָס פּראָסטע ערלעכע פאָלק האָט באַשיינט זייער פאָלקס־שרייבער.״

אָט די וואונדערבאַרע פאַרבינדונג צווישן פאָלק און שריי־בער, צווישן פּראָסטן ערלעכן פאָלק און שלום עליכם — דאָס איז די סאַמע עיקרדיקסטע אין שלום עליכמס ווערק, אין זיין גאַנצן שאַפן.

קיין שום אַנדערער שרייבער האָט ניט פאַרמאָגט אָט די אייגנשאַפט פון אַן אמתן פאָלקס־שרייבער, און קיין שום אַנדע־רער שרייבער רעדט ניט אַזוי אייגן און פשוט און אַזוי האַרציק צום פאָלק ווי שלום עליכם.

זיינע ווערק, וואָס ער האָט אין אַ משך פון זיין קורץ לעבן געשאַפן זיינען נאָך איצט לעבעדיק און פריש־צאַפלדיק, ווייל זיי זיינען שטיקער פון פאָלקס-לעבן.

אָט די טייערע, האַרציקע, טיף רירנדיקע ווערטער פון דעם גרויסן שלום עליכם צו זיינע קינדער זיינען אייגנטלעך ווערטער וואָס מיט זיי ווענדט זיך דער גרויסער פאָלקס-שרייבער, דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור, צו אַלע זיינע קינדער, צו אַלע יידישע מענטשן, וואָס זיי איז טייער דאָס יידישע פאָלק און זיין שפּראַך, מיט דער בקשה און אָנזאָג:

„ליבּ האָבן דאָס פאָלק און זיינע גייסטיקע אוצרות“.